בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

# פלפול בסוגיא דפרוזבול

בתוך הדרשה ג' פנחס תשי"ט בעיה"ק ירושלים

• מוסר שטרותיו לבית דין הוא מן התורה או מדרבנן • האם היה היובל נוהג בבית שני • רמב"ם: תקנה "למיגדר מילתא" אפילו בית דין גדול ממנו אין יכול לבטלו • ביאור דברי הכסף משנה דפרוזבול הוא רק תקנת ממון • גדר כָּל יוֹשְׁבֶיהָ עָלֶיהָ • שיטת ר"ת דתקנת הלל היה על דורות שלאחר החורבן • חשבון שמיטה ויובלות בגלות בבל • פרוזבול עולבנא דדיינא • שמיטה בזמן הזה דאורייתא או דרבנן • בזמן הגלות אין מציאות שיהיה "כל יושביה עליה", מחמת השבועה שלא יעלו בחומה • אל תפתח פה לשטן • לעתיד לבוא לא יהיה עוד ההנהגה בדרך הטבע וְהָיָה לָךְ ה' לְאוֹר יוֹמָם

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

חג השבועות שנת תש"פ לפ"ק



KolSatmar.com

לשון קדשו - קונטרס **קנא**

(**36** מינוט) **כמעט קלאָר**

★★★☆☆

**יצא לאור ע״י**

**מערכת לשון קדשו**

מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040

---

**צענטראלע נומער:**

**929-522-1515**

ארץ ישראל **072-3275205** קאנאדא **438-797-0770** ענגלאנד **0330-350-3110**

**צו הערן די רעקארדינג:** דרוק **#1**, דערנאך קונטרס נומער **151**

איר קענט אויך לאזן הודעות הערות ותיקונים, און מנדב זיין

מען קען אויך הערן די רעקארדינגס:

ניו יארק **718-298-4641** ארץ ישראל **072-3333419** דרוקט נומער **9→6→1**

(פלפול בסוגיא דפרוזבול #→8193→4→16)

# ◆ וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן ◆

הרה״ח המפואר

מוה״ר **יוסף פארהאנד** ז״ל

נפטר ביום א׳ דשבועות תשנ״ד

בן הגה״צ המפורסם ר׳ **מרדכי** זצ״ל הי״ד

ראש בי״ד דק״ק נייטרא ומח״ס באר מרדכי

בנו של הגה״צ המפורסם ר׳ **משה** זצ״ל

אב״ד ור״מ דק״ק מאקאווא ומח״ס אהל משה - נפטר ביום י״ז סיון תש״ד

הגה״צ איש חסיד, חפץ חסד, והיה משמח לבבות נשברות, שפתותיו נטפו דברי אמונה, מספרי הצדיקים ומקבלת אבותיו דבק נפשו מנעוריו לרבינו זי״ע בדרכו ובדברי תורתו בלשון קדשו

הרב **אברהם משה** זצ״ל **קרוים**

אב״ד שפתי חן טאפאלטשאן

בן הגה״צ ר׳ **שמואל** זצ״ל - מח״ס שפתי חן

נפטר ט׳ ניסן תש״פ לפ״ק

הרה״ח מוה״ר **חיים צבי** בן מוה״ר **פנחס הכהן** הי״ד

ווזגתו מרת **מאטיל** בת מוה״ר **מרדכי שלמה** הי״ד

**רובין**

נעקדה״ש ביום ג׳ סיון תש״ד

הרה״ח כהן שדעתו יפה הסתופף בצל רביה״ק זי״ע

**ר׳ משה חיים ז״ל רובין**

**בן הר״ר ישעיהו הכהן ז״ל**

נפטר ביום א׳ דשבועות תשע״ב לפ״ק

## תנצב״ה

הרבני החסיד המופלג

ר׳ **משה מנחם** ב״ר **יוסף** ז״ל

**מענדלאוויטש**

נפטר ערב פסח תש״פ

הרבני החסיד המופלג

ר׳ **מרדכי משה ספרא** ב״ר

**יחזקאל שרגא** ז״ל **שפילמאן**

נפטר ביום ה׳ ניסן תש״פ

KolSatmar.com

לח

איך וועל דאָ מקדים זיין [דברי פלפול], צו מְקַשֵּׁר זיין **תורה שבכתב** מיט **תורה שבעל פה**[א], וועל איך מקדים זיין עפּעס אַ שטיקל **דְּבַר הֲלָכָה** [ופלפול בסוגיות הש״ס].

לט

# קושיות ודיוקים בסוגיא דפרוזבול

די משנה זאָגט אין **שביעית** (פרק י, משנה ב): **המלוה על המשכון, והמוסר שטרותיו לבית דין, אינן משמטין.**

אין די **ברייתא**[ב] לערן איך עס אַרויס [מן הפסוק] **וַאֲשֶׁר יִהְיֶה לְךָ אֶת אָחִיךָ תַּשְׁמֵט יָדֶךָ** (ראה טו, ג), [דדרשינן] **וַאֲשֶׁר יִהְיֶה לְךָ** [חוב ממון אצל אָחִיךָ תשמט ידך ממנו], **אָבער לאפוקי** **ווען ס'איז אַ משכון** [שאז יש לְאָחִיךָ אצלך, אינך צריך לשמט].

**אָדער** [ווען ס'איז] **מוסר שטרותיו לבית דין** [שאינו משמט]. (והביאור בזה, ראה לקמן אות קטז)

מ

**דערנאָך איז דאָ נאָך אַ משנה** (שם, ג-ד), [אַז] **הלל האָט מתקן געווען אַ פְּרוֹזְבּוּל.**

**זאָגט די משנה,** [אֶחָד מִן הַדְּבָרִים שֶׁהִתְקִין הִלֵּל הַזָּקֵן], **ראה את העם שנמנעו מלהלוות, ועוברין על** [מה שכתוב בתורה] **הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן יִהְיֶה דָבָר עִם לְבָבְךָ בְלִיַּעַל** [לֵאמֹר קָרְבָה שְׁנַת הַשֶּׁבַע וגו' וְלֹא תִתֵּן לוֹ] (ראה שם, ט), **עָמַד וְהִתְקִין פְּרוֹזְבּוּל.**

[וְזֶהוּ] **גּוּפוֹ שֶׁל פְּרוֹזְבּוּל, "מוֹסְרַנִי לָכֶם** [הַדַּיָּנִים וכו', שֶׁכָּל חוֹב שֶׁיֵּשׁ לִי, שֶׁאֶגְבֶּנּוּ כָּל זְמַן שֶׁאֶרְצֶה"]. - [עד כאן דברי המשנה].

מא

קושיא א – על רש"י במסכת מכות

ברש"י: מוסר שטרותיו לבית דין, הוא פרוזבול שהתקין הלל

**רש״י זאָגט אין מלקות פאָרנט**[ג] [אין] **דף ג'.**

[דאיתא שם במשנה (בעמוד א'), דאם באו עדים ואמרו, מעידין אנו באיש פלוני שהוא חייב לחבירו אלף זוז על מנת ליתנן לו מכאן ועד "שלשים יום", והוא אומר מכאן ועד "עשר שנים", ונעשו עדים זוממין, אומדין החילוק בין כמה אדם רוצה ליתן כדי שיהיו בידו אלף זוז לשלשים יום, ובין כמה רוצה ליתן שיהיו בידו לעשר שנים].

---

[א] הענין לקשר תורה שבכתב עם תורה שבעל פה מבואר בספרים הקדושים. ועיין **בני יששכר** (סיון ח, ב): על כן נולד דָּוִד, סוד תורה שבעל פה **בשבועות ביום מתן תורה שבכתב**, "לקשר תורה שבכתב עם תורה שבעל פה" "יחודא שלים". - ובספר **בית אהרן** (קארלין, סוף בהעלותך): **וזה חיוב על ישראל תמיד "לקשר תורה שבעל פה עם תורה שבכתב", ובזה הוא קיום העולם.**

ועיין כעין זה בלשון הקדושת **יום טוב** בדרושי שבת הגדול (בפלפול הראשון) שלאחר שכתב איזה דקדוקים בלשון הפסוק, כתב וזל"ק: וכדי לְיַחֵד הַדּוֹדִים "לְחַבֵּר תורה שבכתב עם תורה שבעל פה", נקדים **פרפרת נאה** בהא דאיתא במסכת שבת וכו'. - [והכוונה כאן נראה, כי גם הדרוש "באגדה" אף בביאור המדרשים, נכלל הכל בבחינת **תורה שבכתב**, כי הם פירוש הפסוקים. וכמו שהזכיר רבינו בס"ג **תזריע מצורע תשט"ז**, וס"ג **תרומה תשי"ט** (לשו"ק אות מט) מדברי בעל התניא שכתב (בליקוטי תורה פרשת ויקרא, ובדרושי שיר השירים) כי מדרש **רבה** וכיוצא **בו** שהן 'אגדות' שעל המקרא, הן בכלל מה שצריך לשלש שנותיו שליש "במקרא", עיי"ש. וכל שכן דאגדה בביאור לשונות הפסוקים הוא מכלל תורה שבעל פה. משא"כ "הפלפול" בסוגיות הש"ס ובשיטות החכמים והראשונים, זהו בחינת **תורה שבעל פה**].

[ב] לשון הברייתא **בירושלמי שביעית** (פ"י ה"א, דף כט.): וַאֲשֶׁר יִהְיֶה "לְךָ אֶת אָחִיךָ" תַּשְׁמֵט יָדֶךָ, פרט למה שיש "לאחיך תחת ידיך". וַאֲשֶׁר יִהְיֶה "לְךָ" אֶת אָחִיךָ תַּשְׁמֵט יָדֶךָ, ולא המוסר שטרותיו לבית דין. - ומפרש שם **הפני משה**: ומוסר שטרותיו לבית דין מֵאֲשֶׁר יִהְיֶה "לְךָ" קדריש, פרט לזה דלא אתה הוא הגובה אלא הבית דין. וכן פירש **הרמב"ם** ושאר מפרשי המשנה (שביעית י, ב).

ולשון **הספרי** (פרשת ראה): וַאֲשֶׁר יִהְיֶה לְךָ אֶת אָחִיךָ, ולא את של אחיך בידך, מכאן אתה אומר המלוה על המשכון אינו משמט. ואת אחיך תשמט ידך, ולא המוסר שטרותיו לבית דין, מכאן אמרו הלל התקין פרוזבול.

[ג] פירוש: 'בתחלת' המסכת.

KolSatmar.com

[ואיתא שם בגמרא,[ד] אמר] **רב יהודה אמר שמואל, המלוה את חבירו לְעֶשֶׂר שָׁנִים איז שביעית משמטת.**

**פרעגט די גמרא** [על זה מדברי המשנה], **ווי קען זיין המלוה "לעשר" שנים,** [און] **אומדין לו, מ'שאַצט דאָך אָפּ וויפיל ער ברויך צו געבן** [ומוכח דעדיין החוב קיים כי צריכין רק לאמוד החילוק שביניהם. והלא] **דעס איז דאָך נישט פאַרהאַנדן** [שיהיה לו החוב של הלואה לעשר שנים, שהרי] **אינדערמיט איז ער דאָך מְשַׁמֵּט** [החוב בשנת השמיטה], **פאַרלירט ער דאָך 'דאָס גאַנצע'** [חוב, ונמצא שבאמת היה הלוה פטור מכל החוב והעדים רצו לחייבו, והיה לנו לומר שהעדים צריכין לשלם 'הכל', ולא רק החילוק שבין זה לזה].

**ענטפערט די גמרא במוסר שטרותיו לבית דין.** [דאז אין שביעית משמטת את החוב].

**ברענגט רש"י, "מוסר שטרותיו לבית דין", מיינט מען אַ "פרוזבול".**

**מב**

והקשו התוספות, דהלא מבואר במשנה שהם שני ענינים נפרדים, דמוסר שטרותיו נלמד מהפסוק, ופרוזבול הוא תקנת הלל

**א) פרעגט תוספות[ה] זייער האַרב,** [שהרי] **איך זעה דאָך אין די משנה** [דשביעית] **אַז דאָס איז צוויי זאַכן,** [פרוזבול ומוסר שטרותיו].

[ווייל] **'קודם' איז דאָ אַ משנה** [פון] **המוסר שטרותיו לבית דין, און דאָס איז דאָך** [אַ] **'דאורייתא'. איך לערן עס אַרויס פון אַ פסוק** [וַאֲשֶׁר יִהְיֶה "לְךָ", כמבואר בירושלמי שם].

**און 'נאָכדעם' איז דאָ נאָך אַ משנה, אַז 'הלל' האָט מְתַקֵּן געווען אַ פרוזבול. זעט מען דאָך** [אַז] **דאָס איז צוויי זאַכן.**

[ואם כן קשה] **פאַרוואָס איז דאָס עפּעס רש"י מַרְכִּיב** [יִחַד].

**מג**

קצת ישוב לקושיא א

מה שהקשו דיש לימוד מהפסוק, יש לומר דהוא רק אסמכתא

**נאָר אָבער** [מצינו סברא בתוספות[ו], אַז] **דעס וואָס ס'איז** [נדרש] **פונעם פסוק** [לענין מוסר שטרותיו לבית דין], **קען איך מיך נייטן** [=לדחוק, לומר כי] **ס'איז נאָר אַן אַסְמַכְתָּא אפשר,**

---

[ד] **במשנה** מכות (ג.): מעידין אנו באיש פלוני שהוא חייב לחבירו אלף זוז, על מנת ליתנן לו מכאן ועד שלשים יום. והוא אומר מכאן ועד עשר שנים. אומדים כמה אדם רוצה ליתן ויהיו בידו אלף זוז, בין נותנן מכאן ועד שלושים יום, בין נותנן מכאן ועד עשר שנים.

**ובגמרא שם** (ע"א וע"ב): אמר רב יהודה אמר שמואל, המלוה את חבירו לעשר שנים שביעית משמטתו, ואף על גב דהשתא לא קרינן ביה לֹא יִגּוֹשׂ, סוף אתי לידי לֹא יִגּוֹשׂ. מתיב רב כהנא, אומדים כמה אדם רוצה ליתן ויהיו אלף זוז בידו בין ליתן מכאן ועד ל' יום ובין ליתן מכאן ועד עשר שנים, ואי אמרת שביעית משמטתו, כולהו נמי בעי שלומי ליה. אמר רבא הכא במאי עסקינן במלוה על המשכון ובמוסר שטרותיו לבית דין, דתנן המלוה על המשכון והמוסר שטרותיו לבית דין אין משמיטין. איכא דאמרי, אמר רב יהודה אמר שמואל, המלוה את חבירו לעשר שנים אין שביעית משמטתו וכו', אמר רב כהנא אף אנן נמי תנינא, אומדין כמה אדם רוצה ליתן וכו', אמר רבא הכא במאי עסקינן במלוה על המשכון ובמוסר שטרותיו לבית דין וכו'.

**וברש"י שם: ואע"ג דהשתא.** בשביעית לא קרינא ביה לֹא יִגּוֹשׂ, שהרי אם בא לנגשו בלא שביעית נמי אינו יכול, לא אמרינן כיון דלא קרינן ביה לֹא יִגּוֹשׂ לא קרינן ביה שָׁמוֹט, דסוף אתי לידי לֹא יִגּוֹשׂ, והכי משתמע ביה קרא לֹא יִגּוֹשׂ בזמנו אֶת רֵעֵהוּ, כִּי קָרָא שְׁמִטָּה קודם לכן. - **מוסר שטרותיו לבית דין. הוא "פרוזבול שהתקין הלל"**, שכתוב בו מוסרני לכם פלוני ופלוני הדיינין שבמקום פלוני שכל חוב שיש לי שאגבנו כל זמן שארצה. - אין משמיטין. דלא קרינן ביה לֹא יִגּוֹשׂ, שהרי אינו תובע כלום.

[ה] **בתוספות שם: המוסר שטרותיו לבית דין.** פירש הקונטרס דהיינו "פרוזבול". ולא נראה, דהא במסכת שביעית (י, ב) תני המוסר שטרותיו לבית דין, והדר קתני (שם, ג) פרוזבול אינו משמט, אלמא תרי מילי נינהו. לכך נראה דתרי מילי נינהו, ומוסר שטרותיו לבית דין "מדאורייתא" אינו משמט.

[ו] **בתוספות** גיטין (לו. ד"ה מי איכא) וז"ל: ודרשא דספרי עיקרה אמלוה על המשכון, דמוסר שטרותיו הוי מטעם דהפקר בית דין הפקר, אלא דאקרא 'קסמיך' לה.

KolSatmar.com

- אָבער ס'איז אַ דוחק (כדלקמן באות מד) - [ושעיקר הדרש פון] דער פסוק קומט [נאָר] אויף **המלוה על המשכון.**

**מד**

**דיחוי הישוב לקושיא א**

לא מצינו שום מקור בדברי חכז"ל שלימוד זה יהיה רק אסמכתא

**אָבער לעולם, ס'איז דאָך נישטאָ** [מקור לזה בגמרא שהוא רק אַסְמַכְתָּא, ולפי זה עדיין יקשה על רש"י, כי] **אַז ס'איז נישטאָ קיין שום גילוי דַעַת אין די גמרא** [על הלימוד של וַאֲשֶׁר יִהְיֶה לְךָ] **אַז ס'איז** [נאָר] **אַן "אַסְמַכְתָּא", ווי קען איך מיר 'אַליין' מאַכן אַן אַסְמַכְתָּא.**

[ותקנת הלל] **אין די גמרא שטייט אַלץ נאָר** [אויף] **פרוזבול,** [אַז] **"פרוזבול" איז מדרבנן, אַלס די טעם פון הלל'ן** [שראה העם שנמנעו מהלוות וכו'. אבל לא נזכר כן בגמרא על המוסר שטרותיו לבית דין].

**נו שמואל האָט אינגאַנצן מפקפק געווען אויף די תקנה פון "פרוזבול"**[ז]**. און על כל פנים** [אפילו לְהִלֵּל] **האָט דאָך דאָס נישט קיין** [לימוד מהפסוק]**, און "פרוזבול" לכאורה אין-פלוג האָט עס נישט קיין 'סמיכה' פון פסוק. אָבער "דעס"** [מוסר שטרותיו לבי"ד] **איז דאָך געדרינגען פונעם פסוק, ער זאָגט עס פון "פסוק" די ברייתא.** [ואם כן על כרחך הם ב' דברים נפרדים, ולמה הרכיבם רש"י אהדדי].

**מה**

הקדמה לקושיא ב- שיטת רש"י במסכת גיטין

בגמרא: אביי אמר, דתקנת פרוזבול הוא רק בשביעית בזמן הזה, שהוא מדרבנן

**די משנה אין גיטין** (פרק ד משנה ג, דף לד:) **זאָגט אויך: הלל התקין פרוזבול** [מפני תיקון העולם].

**זאָגט די גמרא:**

**פרעגט די גמרא** (דף לו.)**, ומי איכא מידי דמדאורייתא משמטא** [שביעית]**, און 'ער'** [הלל] **האָט מתקן געווען אַ תקנה ס'זאָל נישט משמט זיין?**

**ענטפערט די גמרא, אביי זאָגט, בשביעית בזמן הזה, ורבי היא.** [דתניא רבי אומר, וְזֶה דְּבַר הַשְּׁמִטָּה שָׁמוֹט (ראה שם, ב)]**, בשתי שמיטות הכתוב מדבר,** [אחת שמיטת קרקע ואחת שמיטת כספים]**, בזמן שאתה מְשַׁמֵּט קרקע אתה מְשַׁמֵּט כספים, ובזמן שאי אתה מְשַׁמֵּט קרקע אי אתה מְשַׁמֵּט כספים.** [ותקינו רבנן דתשמט זכר לשביעית, ראה הלל שנמנעו העם מלהלוות זה את זה, עמד והתקין פרוזבול].

[**רבא** אמר, הפקר בית דין הפקר וכו'].

**מו**

**זאָגן זיי דאָך שוין 'מיינסטענס'**[ח] **אַלע, רוב ראשונים, אַז** [אחת שמיטת קרקע ואחת שמיטת כספים] **דאָס מיינט מען פשוט שמיטה מיט יובל.** [ווייל] **"יובל" ווערט אָנגערופן**

---

[ז] כמובא להלן באות סג, שאמר אי איישר חילי אבטלינה. ואם כן מוכח דאין דין פרוזבול מדאורייתא.

[ח] פירוש: 'רוב' ראשונים, או 'כמעט' כל הראשונים. - ועיין זה בתוספות ובשאר ראשונים. והוא לאפוקי משיטת רש"י בזה, שמפרש הלשון כפשוטו, דשניהם קאי על השביעית, 'ושמיטת קרקע' היינו חרישה וזריעה דהוא ממצות התלויות בארץ, 'ושמיטת כספים' הוא כפשוטו השמטת המלוה שהוא חובת הגוף. ועיין בדברי התוספות בזה בגיטין לו. (ד"ה בזמן, בתחלת דבריהם) ובקידושין לח: - [ועיין בחידושי הרמב"ן ורשב"א בגיטין שם, דאף שבעיקר הפלוגתא דלהלן אם היובל נהג בבית שני, הם סוברין כרש"י ולא כתוספות, מ"מ בענין זה סוברין כתוספות דלשון "שמיטת קרקע וכספים" שבברייתא זו, היינו "שמיטה ויובל"].

KolSatmar.com

**שמיטת קרקע** [שאז חוזרין הקרקעות לבעליהן], **און "שמיטה" ווערט אָנגערופן שמיטת כספים.**

**לערן איך אַרויס דאָ פון די גזירה שוה, דער "היקש" זאָגט מיר, אַז ווען ס'איז נוהג יובל איז נוהג שמיטה,** [און] **ווען ס'איז נישט נוהג קיין יובל, איז נישט נוהג קיין שמיטה.** [ומאחר שאין היובל נוהג, אין נוהג שמיטה מן התורה, ושפיר היה הלל יכול לעשות התקנה].

**מז**

והקשה רש"י דהלא הלל היה בזמן הבית, ותירץ דס"ל לגמרא כמ"ד שלא היה יובל נוהג בבית שני, כיון שלא היו כל יושביה עליה, ועל כן היה אז השמיטה רק מדרבנן

**פרעגט רש"י**[ט] [על תירוצו של אביי, והלא] **הלל איז דאָך געווען ביים "בית שני", און ביים בית שני דעמאָלטס איז דאָך געווען** [היובל נוהג], **ער איז דאָך נאָך געווען "הלל" בזמן הבית, איז דאָך נוהג געווען "יובל",** [וא"כ היה השביעית מן התורה].

**ענטפערט רש"י, אפילו ביים "בית שני" האָט אויך נישט נוהג געווען קיין יובל, פאַרוואָס, ווייל ס'שטייט** [וּקְרָאתֶם דְּרוֹר בָּאָרֶץ "לְכָל יֹשְׁבֶיהָ" (בהר כה, י), ודרשו מינה (ערכין לב.) כי] **ס'מוז זיין כָּל יֹשְׁבֶיהָ** [עָלֶיהָ], **און ווען זיי זענען אַרויפגעגאַנגען בימי עזרא איז נישט געווען כָּל יֹשְׁבֶיהָ עָלֶיהָ**[י]. (ראה עוד המשך דברי רש"י, באות נ)

**מח**

**ברענגט ער** [ברש"י] **דעס וואָס שטייט אין תורת כהנים** [דשמיטה שפיר נוהג אף בזמן שאין היובל נוהג]. [ועל זה כתב רש"י] **קומט אויס ס'איז אַ פלוגתא.**

**אַזוי זאָגט רש"י.**

**מט**

קושיא ב - **על שיטת רש"י בגיטין**

קושית התוספות: הלא יש כמה הוכחות בגמרא שהיובל היה נוהג בבית שני

**ב) תוספות איז מפלפל** [על דברי רש"י שכתב דלא נהג יובל בבית שני][יא]**, ער פרעגט די קשיא, ער ברענגט הוכחות פון ש"ס - הוכחות ברורות - אַז ס'האָט** [יאָ] **נוהג געווען יובל בזמן הבית,** [אף בבית שני].

---

[ט] **ברש"י שם: בשביעית בזמן הזה. והלל כרבי סבירא ליה דאמר שביעית להשמטת מלוה בזמן הזה דרבנן הוא. ואע"ג דהלל בבית שני הוה, סבירא ליה לאביי דבבית שני הואיל ולא היה יובל נוהג לא נהגו שמיטין מדאורייתא. ודאמרינן בערכין** (דף לב:) **מנו יובלות לקדש שמיטין, מדרבנן קאמר. ומצאתי בתלמידי רבינו יצחק הלוי שכתב במסכת גיטין בירושלמי מנין שאין השמיטה נוהגת אלא בזמן שיובל נוהג, שנאמר וזה דבר השמיטה שמוט, אחת שמיטת יובל ואחת שמיטת שביעית. אבל בתורת כהנים ראיתי דשביעית נוהג בזמן שאין יובל נוהג, ואומר אני שהוא 'מחלוקת': - בזמן שאי אתה משמט קרקע. כגון עכשיו שבטלה קְדוּשַּׁת הָאָרֶץ: אי אתה משמט כספים. ואף על פי שהשמטת כספים חובת הגוף היא ואינה תלויה בארץ, ילפינן בהיקישא דלא נהגא.**

**ובתוספות שם העתיקו דברי רש"י בזה"ל: פירש בקונטרס, דהשמטת קרקע לא נהגא בבית שני, כדאמרינן בירושלמי בפרקין מנין שאין שמיטה נוהגת אלא בזמן שהיובל נוהג, שנאמר וזה דבר השמיטה שמוט אחת שמיטת יובל ואחת שמיטת שביעית כו'. ובבית שני הואיל ולא נהג יובל שלא היו כל יושביה עליה, לא נהגא שמיטה מדאורייתא. והא דאמרינן בערכין מנו יובלות לקדש שמיטין, היינו מדרבנן.** - [ודברי הגמרא בערכין הובא לקמן בהערה כג].

[י] **כמבואר להלן אות נז (ובהערה כג), שלא עלו עם עזרא רק ארבעים ושנים אלף ושלש מאות וששים איש.**

[יא] **בתוספות שם: ואומר רבינו תם, דבבית שני נהג יובל. דאמרינן בפרק ד' מחוסרי כפרה** (כריתות יא.)**, וַאֲשֵׁמִים אֵיל צֹאן עַל אַשְׁמָתָם** (עזרא י, יט) [שהביאו קרבן אשם איל מן הצאן בעבור האשמה, והיתה הוראת שעה]**, מלמד שכולן שפחות חרופות בעלו, ושפחה חרופה היינו חציה שפחה וחציה בת חורין המאורסת לעבד עברי, ועבד עברי אינו נוהג אלא בזמן שהיובל נוהג כדאמר בסוף פרק המקדיש שדהו** (ערכין כט.)**. ולא מסתבר לומר שהביאו על**

KolSatmar.com

**נ**

- **רש״י זאָגט אַליין** [ראיה להיפוך, מהגמרא דערכין, דלא נהג יובל בבית שני].

**ברענגט ער** [עס ברש״י לענין מה שכתב דגם שמיטה בבית שני הוא מדרבנן, דלא תקשה] **איי ס'שטייט אין די גמרא אין ערכין** (לב:) **אַז ווען עזרא איז געקומען איז געווען מָנוּ יובלות** [רק בכדי] **לקדש שמיטין**, [ומשמע דעכ״פ שמיטה שפיר היה נוהג]. **זאָגט ער, ס'איז** [נאָר] **מדרבנן**. -

**נא**

על כל פנים **תוספות** ברענגט הוכחות [לשיטת ר״ת], **אַז יובל האָט נוהג געווען בזמן הבית** [שני]. [ואם כן צריכין לתרץ דברי רש״י שכתב דבבית שני לא היה היובל נוהג, שלא יוקשה על זה מכל אלו ההוכחות שהביא ר״ת מדברי הגמרא דמוכח דשפיר היה היובל נוהג בבית שני].

**נב**

**הקדמה לקושיא ג-ו - שיטת רבינו תם במסכת גיטין**

לדעת רבינו תם שפיר היה היובל נוהג בבית שני ובימי הלל, דשפיר היו כָל יֹשְׁבֶיהָ עליה, ותקנת הפרוזבול עשה הלל על הדורות שלאחר החורבן

**ברענגן זיי אין תוספות**[יב]**, דער רבינו תם האָט אַן אַנדערע שיטה** [לתרץ קושית רש״י על אביי, דהלא הלל היה בזמן הבית שהשביעית דאורייתא].

[והוא כי] **הלל לעולם האָט** [נוהג געווען שביעית דאורייתא], **'ער' איז טאַקע געווען בזמן הבית, ער איז דאָך געווען מאה שנים פאַר'ן חורבן**[יג]**, הלל. אָבער "די תקנה"** [של פרוזבול] **האָט ער געמאַכט אויף נאָכ'ן חורבן.**

**נג**

**איי די גמרא** (גיטין שם ע״ב) **פרעגט דאָך אַן איבעיא, צי לְדָרֵיהּ תִּיקֵן, צי נישט לְדָרֵיהּ.** [און] **אַז ס'איז געווען אויף נאָכ'ן חורבן,** [איז דאָך זיכער] **ס'איז נישט געווען לְדָרֵיהּ.**

**זאָגט ער: א] איין תירוץ זאָגט תוספות, ער מיינט לְדָרֵיהּ** [אויף] **דער** [דור] **וואָס ער איז סמוך** [לחורבן הבית], **אין אָנפאַנג'ס נאָכ'ן חורבן, ווען ס'איז נאָך דאָס נאָענטסטע דור.**

**ב] און דערנאָך זאָגט ער,** [כי האיבעיא שבגמרא] **דאָס איז לויט רבא נאָך** [דחולק על אביי, ומתרץ על קושית הגמרא כי הפקר בית דין הפקר, ושלכן היה יכול הלל לתקן פרוזבל אף בזמן ששביעית משמטת מדאורייתא].

---

שבעלו שפחות חרופות בבית ראשון, כדאשכחן בסוף פרק קמא דהוריות (ו.) שהביאו על עבודה זרה שעבדו בימי צִדְקִיָּהוּ, דבעבודה זרה אשכחן דנחשדו, אבל על שפחה חרופה לא אשכחן דנחשדו. **ועוד דהא נהג בָּתֵּי עָרֵי חוֹמָה בבית שני**, כדתנן במסכת ערכין (לא:) ומייתי לה לקמן במי שאחזו (גיטין עד:) בראשונה היה נטמן התקינו כו', ואמרינן נמי בסוף המקדיש שדהו (ערכין כט.) דבתי ערי חומה אין נוהגין אלא בזמן שיובל נוהג.

[יב] בהמשך דברי התוספות שם בשם רבינו תם: **ולא תיקון הלל פרוסבול לדורו**, שהרי היה בזמן הבית, ודהלל ושמעון גמליאל ושמעון נהגו נשיאותן בפני הבית מאה שנה (שבת טו.), **אלא לאחר חורבן**, דהוו ידעי דחרוב ביתא, כדאמרינן בנזיר (לב:) בפרק בית שמאי. - והא דבעי בסמוך **לדריה תקין**, לאו לדריה ממש, **אלא לדור הסמוך אחר חורבן**. אי נמי ההיא בעיא **אליבא דרבא**, דמשני הפקר ב״ד הפקר.

[יג] **כמבואר בגמרא שבת** (טו.): **והתניא הלל ושמעון גמליאל ושמעון נהגו נשיאותן בפני הבית מאה שנה.** [ופירש״י: **הלל ושמעון**. רבן שמעון בנו של הלל היה: **ורבן גמליאל**. הוא רבן גמליאל הזקן: **ושמעון**. הוא רבי שמעון הנהרג עם הרוגי מלכות, והוא היה אביו של רבן גמליאל דצעריה לר' יהושע בן חנניה (ברכות כז:) ושעשה מחלוקת עם רבי אליעזר בן הורקנוס (בבא מציעא נט:): **בפני הבית**. בעוד הבית קיים: **מאה שנה**. אחרונים שלפני החורבן התחיל נשיאותו של הלל, ופרנסו אלו ארבע דורות מאה שנה].

### נד

איי – פרעגט ער די קשיא [בתוס', על שיטת ר"ת] – [דאם היה היובל נוהג בבית שני, אם כן] וואָס דען שטייט אין די גמרא [דערכין] **מְנוּ יובלות לקדש שמיטין**, [כמובא בדברי רש"י]. זעט דאָך אויס אַז מ'האָט נישט געברויכט קיין 'יובל' צו ציילן [מחמת היובל עצמה].

די גמרא זאָגט דאָך אַזוי[יד], מ'האָט דאָך געדאַרפט ציילן [חשבון שנות השמיטה, ולכן] **מְנוּ יובלות לקדש שמיטין**. ווייל "שנת היובל" איז דאָך נישט 'עולה לכאן ולכאן' [והיינו שאין שנת החמשים נמנה בחשבון שנות השמיטה, ואם כן] אַז מ'העט נישט געווען 'געציילט' קיין יובל, העט מען דאָך געווען מקלקל געווען דעם גאַנצן חשבון פון די שמיטות, ווייל מ'העט דאָך וועלן אַריינגערעכנט [שנת החמישים, מ'העט] דעס יאָר אַריינגערעכנט, העט געווען אויסגעקומען מיט אַ יאָר פריער שמיטה [השמינית, בשנת נ"ו ולא בשנת נ"ז], אַזוי העט געווען כסדר מקולקל געווען דער גאַנצער חשבון [אַלץ מער, בכל נ' שנה עם עוד שנה אחת, ולכן] האָט מען 'געציילט' [יובל, כדי לקדש שמיטין בזמניהם].

פון דעם זעט מען דאָך [אַז] מ'האָט נישט "נוהג" געווען קיין יובל [בבית שני, אלא שהיו רק "מונין" שנת החמשים ליובל, בכדי לקדש שמיטין בזמנם בשנת נ"ז ולא בשנת נ"ו][טו].

### נה

זאָגט **תוספות**[טז], אַז די גמרא האָט עס געזאָגט [נאָר] לויט די הוה אמינא.

די הוה אמינא איז דאָך געווען אַז [שלא היו שם מכל השבטים ולכן בטלה היובל, ווייל] ס'איז דאָך געווען, ער דערציילט דאָך וועגן די צוויי-אַ-האַלב [שבטים], שבט ראובן שבט גד און [חצי] מנשה זענען דאָך גלו געווען [תחלה בסוף הבית ראשון, שהם היו הראשונים בגלות עשרת השבטים[יז]. ונמצא שאז בטלה היובל].

אָבער דערנאָכדעם ווי די גמרא קומט אויס [במסקנא] אַז החזירן ירמיהו [להשבטים מהגלות][יח], אַז ירמיה האָט זיי צוריקגעברענגט. ממילא איז ביים "בית שני" אויך געווען **כל יושביה עליה** [שגם בין העולים עם עזרא היו מכל הי"ב שבטים. ואם כן למסקנא דהגמרא ערכין, שפיר נהג יובל מן התורה, ותו לא אמרינן דמנו יובל רק כדי לקדש שמיטין].

אַזוי זאָגט **תוספות**, אויף דעם **רבינו תם'ס שיטה**.

---

[יד] **בגמרא ערכין** (לב:), הובא לקמן בהערה כג.

[טו] **וז"ל רש"י שם: מנו יובלות לקדש שמיטין.** ודאי יובל לא היה נוהג, שיהו עבדים נפטרים משום יובל, ולא שדות של מכר חוזרות, אבל שמיטין היו נוהגים, לשמט כספים ולשמט מזרע וקציר, דהא צריכין למנות שנת יובל כדי שיבואו השמיטין במקומן, שלסוף ז' שמיטות היו מניחין שנת נ' שלא היו מונין אותה לשמיטה הבאה, מפני שהיא ראויה להיות שנת יובל, ושנה של אחריה מתחיל המנין. דאם לא היו מונין יובלות, היו מונין אותה שנה לחשבון השמיטין, והוו השמיטין שלא במקומן.

[טז] בהמשך **דברי התוספות** שם: והא דאמר בסוף ערכין (לב:) מנו יובלות לקדש שמיטין, דמשמע דיובל לא נהג. היינו למאי דס"ד התם מעיקרא דלא חזרו עשרת השבטים שגלו, ולא היו בגלות בבל אלא ב' שבטים, וכשעלו בבית שני לא היו כל יושביה עליה. **אבל במסקנא** דאמרינו דירמיהו החזירן ויאשיהו מָלַך עליהן, נמצאו דהיו שם מי"ב שבטים, ואע"ג שלא עלו כולם, חשיב כל יושביה. ומיהו קשה, דזיל קרי בי רב הוא, דבעזרא [לא] מני לכל י"ב שבטים [ואם כן קשה לומר דהיו שם מכל הי"ב שבטים ונחשב כל יושביה].

[יז] התחלת גלות עשרת השבטים היה בשנת ג' אלפים ר"ה, שהוגלו על ידי מלכי אשור (כמבואר במלכים ב' יח, יא. וע"ע סנהדרין צד.). וחורבן בית ראשון היה בשנת ג' אלפים של"ח. ועיין בילקוט שמעוני (מלכים ב' רלו), וברש"י (מלכים ב' יז, א) בשם סדר עולם, ששבטי ראובן וגד גלו תחלה, וכן הוא דעת הגמרא בערכין כאן, ועיין בביאור הגר"א (דברי הימים א' ה, כו). אולם במדרש איכ"ר (פתיחתא ה) יש בזה פלוגתא איזה שבטים גלו תחילה, עיי"ש ואכמ"ל.

[יח] **ובתוספות** (ערכין לג. ד"ה אלא) כתבו שהחזירן ירמיה ל"ו שנה קודם חורבן בית ראשון.

KolSatmar.com

## נו

### קושיא ג - על שיטת רבינו תם

קושית הראשונים: דבר מתמיה שהלל יתקן תקנה בזמן המקדש,
לצורך הזמן שלאחר החורבן. שיש בו משום אל תפתח פה לשטן

אָבער רוב ראשונים, [ובראשם] דער **רשב״א** מיטן **רמב״ן** פרעגן האַרב ווייטער אויף דעם **רבינו תם׳ס שיטה** אויך.

ג) זיי פרעגן די קשיא. ׳קודם׳ ס׳איז אַ **דְבַר מַפְלִיא** זאָגן זיי[יט]. [ווייל] ס׳קען נישט זיין [שהלל יעשה תקנה על לאחר החורבן. דאפילו] ער האָט טאַקע געוואוסט אַז ס׳וועט זיין אַ חורבן[כ], [אָבער אַז] ער זאָל גיין מאַכן אַ תקנה אויף **נאָכ׳ן חורבן**, זאָל ער גיין קובע זיין אַ תקנה מ׳זאָל וויסן אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן און ער מאַכט אַ תקנה פאַר נאָכ׳ן חורבן, [זהו דבר מתמיה, כי הלא אמרו] **אַל תִּפְתַּח פֶּה לְשָׂטָן**[כא]. זאָגט ער, ווען אפילו ער האָט ׳געוואוסט׳, דאַרף מען דאָס נישט צו ׳זאָגן׳, דאַרף מען נישט צו זאָגן צו מאַכן אַ תקנה [פאַר] חלילה אויף נאָכ׳ן חורבן. ס׳איז אַ זאַך [וואָס איז] אַ **דָבָר מַפְלִיא**. אַזוי זאָגן זיי[כב].

## נז

### קושיא ד - על שיטת רבינו תם

קושית הראשונים: הלא מבואר בגמרא דרק ארבע רבוא מישראל עלו עם עזרא, וגם מבואר
דצריך להיות שם מכל שבט, ואם כן איך אפשר לומר דבבית שני היו כָּל יוֹשְׁבֶיהָ עָלֶיהָ

ד) ׳דערנאָך׳ איז דאָך בכלל שווער [ביאור התוספות בשיטת רבינו תם], וואָרן תוספות זאָגט [דלהמסקנא גם בבית שני חשיב כל יושביה עליה, כיון שהיו שם מכל הי״ב שבטים, וקשה] קען איך דען זאָגן ס׳איז געווען כל יושביה עליה, די **גמרא** אַליין זאָגט דאָך אַרויס אַז ס׳איז געווען - די גמרא פרעגט טאַקע ׳דאָרט׳ אין **ערכין**[כג] - ס׳איז אינגאַנצן געווען **ארבע רבוא**, פערציג טויזענט אידן [וואָס] זענען געגאַנגען מיט עזרא׳ן. [ואם כן] ווי קען זיין [שזה נקרא] ״כל יושביה״.

[ואם כן דברי ר״ת] באמת איז עס גאָר אַ פלא. [שהרי] ס׳שטייט דאָך בפירוש אַרויס אין די גמרא אין **כתובות**[כד] [בענין] כל יושביה, אי ״בבואכם״ יכול משנכנסו לה שנים

---

[יט] כן הוא **בחדושי הרשב״א** (גיטין לו.): ולפי דעת ר״ת ז״ל צריכין אנו לומר שצפה הלל שעתידין חכמי הדורות לתקן שתהא שמיטת כספים נוהגת, ועמד ותקן כנגד תקנתם, ועוד שחשש שמא הדורות הבאין [לא] תהיה תקנתן חביבה להם ולא יתקנו פרוזבול לתקנת מלוין, ונמצאת דלת נעולה בפני לוין ועוברין על מה שכתוב בתורה, ועמד ותקן מעתה. **וכל זה דָבָר מַתְמִיהַּ.**

**ובחידושי הרמב״ן** (שם) כתב: ועוד אי אפשר לומר שיתקן הלל ויאמר לכשיחרב בית המקדש יעשו פרוזבול, חס ושלום, **שלא היה פותח פיו לשטן** ולא מתקן תקנות לחורבן, אע״פ שהיו יודעין שיחרב.

[כ] כמו שהביאו **התוספות** (גיטין דלעיל) מגמרא נזיר (לב:) דהוו ידעי דחרוב ביתא.

[כא] **בגמרא כתובות** (ח:): דאמר רבי שמעון בן לקיש וכן תנא משמיה דר׳ יוסי, לעולם אל יפתח אדם פיו לשטן וכו׳. [ולשון ״אל תפתח פה״, הוא מלשון הטורי זהב (או״ח תקפב, ב), וכן הורגל בפי העולם].

[כב] ובפרט שעשה תקנה רק לדור הראשון שיהיה אחר החורבן.

[כג] **בגמרא ערכין** (לב:): ומי מנו שמיטין ויובלות [בימי עזרא], השתא משגלו שבט ראובן ושבט גד וחצי שבט מנשה [בסוף בית ראשון], בטלו יובלות, **עזרא** דכתיב ביה (עזרא ב, סד. נחמי׳ ז, סו) כָּל הַקָּהָל כְּאֶחָד אַרְבַּע רִבּוֹא אַלְפַּיִם שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים, הוה מני? דתניא, משגלו שבט ראובן ושבט גד וחצי שבט המנשה, בטלו יובלות, שנאמר וקראתם דרור בארץ לכל יושביה, בזמן שכל יושביה עליה, ולא בזמן שגלו מקצתן. יכול היו עליה והן מעורבין שבט בנימין ביהודה ושבט יהודה בבנימין יהא יובל נוהג, תלמוד לומר לכל יושביה, בזמן שיושביה כתיקונן, ולא בזמן שהן מעורבין. - אמר רב נחמן בר יצחק, **מנו יובלות לקדש שמיטין.**

[כד] **בגמרא כתובות** (כה.): דאמר רב הונא בריה דרב יהושע, אשכחתינהו לרבנן בבי רב דיתבי וקאמרי, אפילו למאן דאמר תרומה בזמן הזה דרבנן, חלה דאורייתא, שהרי ז׳ שכיבשו וז׳ שחילקו נתחייבו בחלה ולא נתחייבו

**ושלשה מרגלים הייסט עס "כל יושביה", זאָגט ער ניין, ס'מוז טאַקע זיין "כל" יושביה,** [בביאת "כולכם" אמרתי ולא בביאת מקצתכם, ואמר שם להדיא דכי אסקינהו עזרא לאו לכולהו סליק. ומוכח כי] **אַז ס'גייט אַרויף פון יעדן שבט נאָר אַפּאָר מענטשן, נו זיכער הייסט** [עס] **נישט כל יושביה.**

[ואם כן] **אַז ס'איז געווען אינגאַנצן פערציג טויזענט מענטשן פונעם 'גאַנצן כלל ישראל', איז דאָך גאָרנישט מעגליך ס'זאָל זיין** [הרוב מכל שבט ושבט], **קען דען זיין, ס'איז דאָך** [נאָר] **געווען ארבע** [רבוא] **פערציג טויזנט.** [ובודאי שלא היה הרוב מהם].

**תוספות אַליין זאָגט אַז ס'איז גענוג 'עפּעס' פון יעדן שבט,** [אָבער] **דאָ בפירוש זאָגט די גמרא אַרויס** [אַז] **דאָס איז נישט גענוג**[כה]**.**

[עד כאן מקושיות הרמב"ן והרשב"א על שיטת רבינו תם].

### נח
### קושיא ה - על שיטת רבינו תם

לשיטת ר"ת דתקנת הלל היה על דורות שלאחריו, קשה לשון הגמרא "תקינו" רבנן דמשמט, בלשון עבר

**ה) און דערנאָכדעם** [קשה לי עוד, שהרי] **אין די גמרא**[כו] **איז דאָס לשון "תקינו" רבנן דמשמט,** [שהוא לשון עבר], **"מ'האָט" מתקן געווען, זעט אויס אַז ס'איז "שוין" געווען.**

**'אַזוי'** [לסברת רבינו תם] **מוז איך דאָך זאָגן** [אַז] **הלל האָט געזען ס'וועט זיין אַ חורבן** [שפּעטער], **און** [אַז] **נאָכ'ן חורבן וועט מען מאַכן שמיטה מדרבנן** [וימנעו העם מלהלוות], **האָט ער אויף דעם געמאַכט אַ** [תקנה פון] **פרוזבול.** [אָבער] **דאָ שטייט דאָך, אין די גמרא שטייט "תקינו" רבנן, זעט אויס אַז דאָס איז שוין געווען.**

### נט
### קושיא ו - על שיטת רבינו תם

וכן יוקשה מלשון המשנה, "ראה שנמנעו" העם מלהלוות "ועוברין" על מה שכתוב בתורה, דהוא מורה שהתקנה היתה עבור מה שראה הלל בימיו

**ו)** [וכן יוקשה גם מלשון המשנה דשביעית, שאמרו] **רָאָה ער האָט 'געזען' שנמנעו** [העם]

---

בתרומה. ואמינא להו אנא, אדרבה אפילו למ"ד תרומה בזמן הזה דאורייתא, חלה דרבנן, דתניא בְּבֹאֲכֶם אֶל הָאָרֶץ (שלח טו, יח), **אי בבואכם יכול משנכנסו לה שנים ושלשה מרגלים**, תלמוד לומר "בבואכם", **בביאת "כולכם" אמרתי ולא בביאת מקצתכם, וכי אסקינהו עזרא לאו כולהו סלוק.**

[כה] **וז"ל חידושי הרמב"ן שם:** ואינו מחוור לי, שלפי דעתי אפילו למ"ד עשרת השבטים ירמיהו החזירן, לא גלו לבבל מעולם אלא חזרו למקומם הראשון, כדאמרינן (ילקוט ויקרא רמז תרעה) וַאֲבַדְתֶּם בַּגּוֹיִם, אלו עשרת שבטים שגלו למדי, ושם נשתקעו כולם ולא נתערבו עם ישראל, ולא גלו לבבל, ובבית שני לא היו מעולם ...

והתימה הגדול שמתמיהנו הרב ז"ל בדבריו, שהרי המקראות מוכיחים הן, דכתיב (עזרא י, ז) וַיַּעֲבִירוּ קוֹל בִּיהוּדָה וִירוּשָׁלִַם לְכֹל בְּנֵי הַגּוֹלָה לְהִקָּבֵץ יְרוּשָׁלָםִ, וכתיב (שם, ט) וַיִּקָּבְצוּ כָל אַנְשֵׁי יְהוּדָה וּבִנְיָמִן יְרוּשָׁלַםִ, והרבה מפורשין מהם, ובדברי הימים מפורשים כל החוזרים, ומשבט יהודה ובנימין היו, ועוד שהרי הרבה כרכים כבשום עולי מצרים ולא כבשום עולי בבל ונתישבו במקצתה של ארץ ישראל במה שרצו, ולא נתחלקו השבטים.

ואמרינן התם בערכין, היו עליה אבל היו מעורבבין שבט יהודה בבנימן ושבט בנימן ביהודה, יכול יהא היובל נוהג, תלמוד לומר לכל יושביה, בזמן שיושביה כתקנן ולא בזמן שהן מעורבבין.

**ועוד** שהרי אפילו לענין חלה אמרינן בכמה דוכתי (כתובות כה. ונדה מז.) **אפילו למ"ד תרומה בזמן הזה** דאורייתא חלה דרבנן, משום דכתיב בבאכם, בביאת כולכם אמרתי ולא בביאת מקצתכם, וכי אסקינהו עזרא לאו כולהו ישראל סלוק. ואם עלו כל השבטים עד שנקרא בהם **כל יושביה עליה**, כל שכן שאני קורא בהם **בבאכם**, וזה דבר ברור ומפורש. אלא אינו נקרא כל יושביה עליה ולא בבאכם עד דאיכא רוב כל שבט ושבט כדאמרינן בעלמא בכל דיני הצבור לפסח ופר העלם דבר של צבור, וכי תעלה על דעת הרב ז"ל שאם עלו שנים או שלשה מכל שבט ושבט יהא יובל נוהג להם. - [וכן הוא **בחידושי הרשב"א** שם].

[כו] בגיטין שם. וכדהובא לשון הגמרא לעיל סוף אות מה [במוסגר].

KolSatmar.com

**מלהלוות, האָט ער דאָך געזען** [כך בימיו. ולדברי רבינו תם הלא כל התקנה היה על לאחר ימיו בזמן החורבן, ולא על ההוה].

**ס**

קושיא ז - על דברי רש"י

דער **רשב"א** מיטן **רמב"ן** פלאָגן זיך ווייטער, [צו] צוריק פאַרענטפערן רש"י'ס שיטה. זיי זענען טאַקע מברר [אַז] ס'האָט 'נישט' נוהג געווען יובל בזמן הבית [שני].

און אין די גמרא [שבהוכחות ר"ת נגד רש"י] פלאָגן זיי זיך צו פאַרענטפערן פאַרוואָס שטייט יובל [על הבית שני]. - ס'איז שווער מאריך צו זיין [אַזויפיל].

**סא**

בדברי רש"י נראה כסתירה, שמתחיל לדבר מימי הלל בבית שני, ומסיים "וכגון עכשיו שבטלה קְדוּשַּׁת הָאָרֶץ", דלשון זה שייך רק על זמן החורבן

ז) **נאָר מיר איז דאָ קשה געווען** [נאָך אַ קשיא], **אין אֱמֶת'ן אַריין דאָ איז דאָך שטאַרק** [שווער], **אַ גרויסע קשיא איז דאָ אין רש"י'ן אַליין** [מיניה וביה]. **ס'איז נישטאָ קיין תירוץ מספיק** [דערויף בדברי המפרשים, און] **איך האָב נישט געזען אין ערגעץ** [עס] **'פרעגן'**[כז].

**סב**

[דהנה] **רש"י הייבט אָן**[כח] (בד"ה בשביעית), **כאָטשיג הלל איז געווען ביים בית שני, זאָגט רש"י פונדעסטוועגן האָט נישט נוהג געווען קיין יובל,** [ווייל] **ס'איז נישט געווען כל יושביה עליה.** [ונמצא] **גייט ער דאָך אַרויף אויף בזמן הבית.**

**און תיכף - תוך כדי דיבור - אין אַנדערן שטיקל** [רש"י], **לאָזט ער אויס,** [בדיבור המתחיל] **בזמן שאי אתה משמט קרקע אי אתה משמט כספים, לאָזט ער אויס** [=מסיים רש"י], **וכגון עכשיו שֶׁבָּטְלָה קְדוּשַּׁת הָאָרֶץ**[כט], [אַז] **ס'איז בטלה קְדוּשַּׁת הָאָרֶץ גייט נישט אָן דאָס ענין** [של שמיטת קרקע], **ס'איז נאָר מדרבנן.**

[וקשה דהלא לשון] **"בָּטְלָה קְדוּשַּׁת הָאָרֶץ", דאָס איז שוין נאָכ'ן חורבן.** [ואם כן] **זאָגט ער דאָך 'שוין תיכף' אַז ער מיינט אויף נאָכ'ן חורבן**[ל].

[כי הלא] **מילא בזמן הבית איז דאָך נישט געווען 'בָּטְלָה' קְדוּשַּׁת הָאָרֶץ, ס'איז נאָר געווען** [אַז] **ווייל ס'איז נישט געווען כל יושביה עליה האָט נישט נוהג געווען קיין "יובל". אָבער ס'איז נישט אַזוי געווען אַז ס'איז 'בָּטְלָה' געוואָרן** [כל קדושת הארץ].

[דאפילו למאן דאמר] **אַז איך לערן** [קדושה ראשונה קידשה לשעתה אבל] **לא קידשה לעתיד לבא, אפילו דער וואָס ער לערנט לא קדשה לעתיד לבא**[לא], [וסובר] **ס'איז בָּטְלָה קְדוּשַּׁת הָאָרֶץ** [בזמן הזה], **איז דאָך עס אויך** [נאָר] **הערשט נאָכ'ן חורבן.**

---

[כז] וראה זה פלא שממש כסגנון זה כתב הגאון מבריסק בעל **בית הלוי** (בחלק ג סימן א), וז"ל: ומקודם נבאר **דברי רש"י**, מה **דלכאורה אינו מובן**, דאחר שכתב דלאביי מוכרח דגם בזמן הבית לא היה שמיטת קרקע מן התורה משום שאין יובל, ותוך **כדי דיבור** בדברי רבי כתב טעם אחר, משום דבטלה קדושת הארץ, ומדוע שבק טעם הראשון. ובפרט דטעם זה הא אינו רק על אחר חורבן, והלל הרי היה בזמן הבית, ומוכרחין לומר לטעם הראשון דאביי הא מוקים לתקנות הלל כרבי. **ולא ראיתי להמפרשים** שיפרשו לנו כוונת רש"י בזה.

[כח] כדהובא לשון רש"י לעיל בהערה ט.

[כט] ובענין ביטול קדושת הארץ דמשמע בירושלמי (שביעית ו, א) שבטלה לאחר חורבן ראשון, עיין בזה **בליקוטי אורה לשבועות** (חידושים עמוד שכא), מדברי רבינו **בחג השבועות תרצ"ב**.

[ל] וכן העתיק **בחידושי הרמב"ן** (גיטין שם) את תוכן דברי רש"י בזה"ל: ובזמן שאין אתה משמט קרקע, היינו "לאחר חורבן" שבטלה קְדוּשַּׁת הָאָרֶץ.

KolSatmar.com

ממילא זאָגט דאָך רש״י אַליין ׳דערנאָך׳ [אַז] דאָס גייט אַרויף אויפן [נאָכ׳ן] חורבן, און לויט ווי רש״י ׳הייבט אָן׳ צו זאָגן אַז ער [הלל] האָט געמיינט אויפן זמן הבית, [ווייל] ס׳האָט נישט נוהג געווען [יובל] וועגן כל יושביה, [אם כן] וואָס דאַרף ער ׳אויספירן׳ עכשיו שֶׁבָּטְלָה קְדוּשַׁת הָאָרֶץ, [והלא] ער זאָגט [דאָך אַז] די זעלבע זאַך איז דאָך געווען אפילו בזמן הבית [שהיה רק] מדרבנן.

איז דאָך עס לכאורה אַ סתירה אין רש״י׳ן אַליין, מיניה וביה.

## סג

### קושיא ח - על הגמרא

בגמרא: אמר שמואל האי פרוזבלא עולבנא דדייני הוא, אי איישר חילי אבטליניה.

ומפרש בגמרא דעולבנא לשון חוצפתא היא. וקשה איך יאמר שמואל לשון כזה על הדיינים

**די גמרא זאָגט דערנאָכדעם**[לב]**, די גמרא פרעגט** [איבעיא להו אין] **הלל לדרי עלמא** [תיקן. - צי נאר] **לְדָרֵיהּ תיקן, אָדער אויף ׳כְּסֵדֶר׳.**

קודם איז ער פּוֹשֵׁט [די איבעיא] פון שמואל׳ן [דאמר לא כתבינן פרוזבול אלא בבי דינא דסורא וכו׳. ואח״כ פושט ממימרא אחרת דשמואל, וואָס] **שמואל זאָגט, האי פרוזבלא עולבנא דדייני הוא, אי איישר חילי אבטליניה.** [ואי הלל לדרי עלמא תקין], וויאַזוי קאָן ער מבטל זיין.

ענטפערט די גמרא, ער מיינט [צו זאָגן], ווען ער זאָל זיין גדול בחכמה ובמנין [מבית דינו של הלל, היה מבטלו]. אָבער ׳אַזוי׳, איז טאַקע נישט. אַזוי ברענגט די גמרא אַרויס, אין הכי נמי ער האָט טאַקע נישט געקאָנט מבטל זיין, ווען [איך זאָל זאָגן] אַז ס׳איז נישט געווען [תקנת הלל רק] לְדָרֵיהּ [אלא גם לדרי עלמא].

## סד

ח) לכאורה איז דאָך עפּעס אַ פלא דאָס לשון, [מה שאמר] **״עולבנא״ דדייני.**

מילא דעס זאָגט ער דאָך אַליין [שאינו יכול לבטלה], ס׳איז דאָך אַ תקנה געווען פון הלל, און ער זאָגט אַליין [אַז] ער קען עס נישט מבטל זיין, ער זאָגט נאָר [אַז] ווען ער העט געווען גרעסער [היה מבטלו], אָבער ער קען נישט. ממילא מוז מען דאָך הייסן די

---

[לא] **וכמבואר בגמרא** (מגילה י. חגיגה ג: ועוד בכמה מקומות) **דאיכא פלוגתא בזה.**

[לב] **בגמרא גיטין** (לו:)**: איבעיא להו, כי התקין הלל פרוסבול, לדריה הוא דתקין או דלמא לדרי עלמא נמי תקין.** למאי נפקא מינה, לבטוליה. אי אמרת לדריה הוא דתקין, מבטלינן ליה, אלא אי אמרת לדרי עלמא נמי תקין, הא אין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו אלא אם כן גדול הימנו בחכמה ובמנין. מאי, תא שמע דאמר שמואל לא כתבינן פרוסבול אלא אי בבי דינא דסורא אי בבי דינא דנהרדעא, ואי סלקא דעתך לדרי עלמא נמי תקין, בשאר בי דינא נמי לכתבו. דלמא כי תקין הלל לדרי עלמא, כגון בי דינא דידיה, וכרבי אמי ורבי אסי דאלימי לאפקועי ממונא, אבל לכולי עלמא לא. **תא שמע, דאמר שמואל, הא פרוסבלא עולבנא דדייני הוא, אי איישר חיל אבטליניה.** אבטליניה, והא אין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו אלא אם כן גדול הימנו בחכמה ובמנין. הכי קאמר, **אם איישר חיל יותר מהלל אבטליניה.** ורב נחמן אמר אקיימנה וכו׳

איבעיא להו, האי ״עולבנא״ לישנא דחוצפא הוא, או לישנא דניחותא הוא. תא שמע, דאמר עולא עלובה כלה שזינתה בקרב חופתה וכו׳. תנו רבנן, **הנעלבין ואינן עולבים**, שומעין חרפתן ואין משיבין, עושין מאהבה ושמחין ביסורין, עליהן הכתוב אומר ואוהביו כצאת השמש בגבורתו.

[ופירש״י: **עולבנא דדייני הוא.** לקמן מפרש לשון חוצפא, שנוטלים ממון שלא כדין בחזקה: **אם איישר חיל.** אם אחזיק כח: **אבטליני׳.** אלמא לאו לדרי עלמא תקין, דאם כן היכי מצי שמואל למימר אבטליניה:

**לישנא דניחותא.** לא עשאוהו אלא לנחת הדיינים, שלא יטריחו להגבות מלוותיהם לפני שביעית, שלא תבא שביעית ותשמיטיה, הלכך אי איישר חיל אבטליניה: **עלובה.** חצופה: **שזינתה בקרב חופתה.** בעוד שכינה וישראל בסיני, עשו את העגל. שהרי לא נסעו מסיני עד לאחר הקמת המשכן בשנה שניה, כדכתיב (בהעלתך י, יא-יב) וַיְהִי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי וגו׳ וַיִּסְעוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל לְמַסְעֵיהֶם מִמִּדְבַּר סִינָי: **הנעלבים.** גרסינן. אותן שנעלבים מיד אחרים: **ואין עולבים.** את אחרים].

דיינים אַזוי פַּסְקְ'ענען, אַז ס'איז אַ תקנה פון הלל'ן און ער האָט געזאָגט ער קען עס נישט מְשַנֶּה זיין, מוז מען אַזוי פַּסְקְ'ענען. [ואם כן למה קרא אותו עולבנא דדייני].

[והלא] די **גמרא** פרעגט מאי **עולבנא, לישנא דניחותא הוא** [שהדיינים רוצים לנוח שלא יטריחו אותם לגביית חובות בסוף שנת השישית]. אָדער [לישנא דחוצפא].

פירט די גמרא אויס, "עולבנא" מיינט מען לשון 'חציפות', [דאמר עולא] עלובה כלה שזינתה בתוך חופתה.

[ונמצא שאמר שמואל] אַז דאָס איז אַ חציפות - דער פרוזבול - פונעם בית דין. [ופירש"י ווייל] זיי נעמען געלט [מן הלוה] שלא כדין, [שהרי] די תורה זאָגט ס'איז משמט. [ולזה אמר] דאָס איז אַ חציפות.

[ועל זה קשה שהרי] אפילו 'ער' [שמואל] איז דאָך מודה אַז ס'איז אַ תקנה פון הלל'ן, און ער קען עס נישט מבטל זיין, איז דאָך דאָס בית דין על פי התורה מחוייב אַזוי צו טון, נו ווי קען איך זאָגן ס'איז אַ חציפות. וויאַזוי קען מען זאָגן אַז ס'איז אַ חציפות, אַז דאָס בית דין ברויך אַזוי צו טון כתורה וכהלכה, ס'איז אַ תקנה פון הלל און מ'ברויך אַזוי צו פַּסְקְ'ענען, וואָס עפּעס רופט ער עס אָן מיט אַזאַ לשון [ווי] "עולבנא" דדייני. ס'איז דאָך געגוג [ווען] ער זאָגט [רק אי איישר חילי אבטלינה] אַז ס'געפעלט אים נישט, ער העט [געווען] אַנדערש געזאָגט [להלכה].

סה

[ובאמת] פשוט איז דאָך אויך שווער [עצם הדבר ששמואל שהוא אמורא יחלוק על הלל ובית דינו].

אַז הלל האָט עס מתקן געווען, און ס'איז אַזוי געבליבן [להלכה]. אפילו ער האָט טאַקע חולק געווען דערויף [למה היה לו לומר זאת, שאם היה בכחו היה מבטלו].

[נאָר] מילא האָט ער געקאָנט [האַלטן אַנדערש], האָט ער געקענט זאָגן אַן אַנדערע דעה. נאָר פונדעסטוועגן, ער האָט דאָך [עס] געזאָגט אַליין [כי] אַז ס'איז נישט גדול בחכמה ובמנין קען מען נישט מבטל זיין.

סו

אָבער [על כל פנים] צו זאָגן [לשון] 'חציפות', אויף דעס וואָס הלל האָט געמאַכט? קען מען דאָך [אַוודאי] נישט זאָגן.

סז

קושיא ט - על הגמרא

אח"כ מביא הגמרא ברייתא: הנעלבין ואינן עולבים, עליהן הכתוב אומר וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ. ויש לבאר השייכות מזה לדברי שמואל שאמר עולבנא דדייני הוא

די גמרא ברענגט צי צו דעם, **תנו רבנן, הנעלבין ואינן עולבים,** [שומעין חרפתן ואין משיבין, עושין מאהבה ושמחין ביסורין], **עליהן הכתוב אומר** (שופטים ה, לא) **וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ.**

ט) [ויש להבין] ווי קומט דאָס עפּעס די סמיכות. נאָר וועגן ס'איז אַ לשון [שוה, ווייל] דאָרט שטייט 'עולבנא' [דדייני], און דאָ שטייט אַ 'לשון עולבנא' [הנעלבים ואינם עולבים]. אָבער ס'איז לכאורה גאַנץ אַן אַנדערע ענין, אינמיטן די גאַנצע סוגיא, אינמיטן 'פלפול', שטעלט ער אַראָפּ די ברייתא [פון] הנעלבין ואינן עולבים.

נאָר, דאָס וועל מיר שוין שפּעטער זען [בסוף הפלפול (אות קכה), לבאר הקישור בזה].

KolSatmar.com

סח

קושיא י - מתוך הדרוש

י) [גם יש להבין השייכות לענין עולבנא דדייני, במה שהביאו ראיה מהפסוק וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ, ולבאר איך שייך לזה ענין צאת השמש]. (התירוץ בדברי רבינו, באות קכו)

סט

**קושיא יא** - על הרמב"ם

הרמב"ם פָּסַק דתקנה שנתקן "למיגדר מילתא" שלא לעבור על דברי תורה, אין שום בית דין יכול לבטלו, אפילו גדול ממנו בחכמה ובמנין

לאָמיר זען. דער **רמב"ם** פַּסְקְ'נט אין **הלכות ממרים**[לג], אַז דעס וואָס מ'קאָן מבטל זיין, אַ בית דין וואָס ס'איז **גדול בחכמה ובמנין** קען מבטל זיין אַ 'פריערדיגע' **תקנה**, דאָס איז נאָר אַז ס'איז נישט [נתקן התקנה וועגן] **"למיגדר מילתא"**, ס'איז וועגן אַן אַנדערן טעם, פאַרשידענע תקנות. [אָבער] טאָמער איז עס **למיגדר מילתא**, קאָן מען [עס] **נישט מבטל זיין אפילו גדול בחכמה ובמנין**.

ע

והקשו על זה, דהלא כאן אמר שמואל דאם היה גדול בחכמה ובמנין מבית דינו של הלל, היה מבטל תקנת הפרוזבול. ותקנת הפרוזבול הלא נתקן למיגדר מילתא, לפי שראה הלל שעוברין על מה שכתוב בתורה

פרעגט מען הארב, אַמער דאָ [בתקנת פרוזבול], ס'איז דאָך געווען [ראה כי] **נמנעו העם** [מלהלוות] **ועוברים על הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן יִהְיֶה דָבָר עִם לְבָבְךָ בְלִיַּעַל**, איז דאָך עס געווען **"למיגדר מילתא"**. [ואם כן] וואָס דען האָט ער [שמואל] געזאָגט **אי איישר חילי וועל איך עס מבטל זיין**, ס'איז דאָך **למיגדר מילתא**, ווי קען מען דאָס מבטל זיין, אפילו [אם היה] **גדול בחכמה ובמנין**.

עא

ולכן מבאר הכסף משנה, דתקנת דפרוזבול לאו גדר הוא פן יפרצו על דברי תורה, אלא תקנת ממון הוא, שלא תנעול דלת בפני לוין

**זאָגט דער כסף משנה**[לד], אַז דעס איז נישט **"למיגדר מילתא"**, דאָס איז אַ **תקנה וועגן "ממון"**.

---

[לג] **ברמב"ם** (ממרים ב, ב-ג): בית דין שגזרו גזרה, או תקנו תקנה והנהיגו מנהג, ופשט הדבר בכל ישראל, ועמד אחריהם בית דין אחר ובקש לבטל דברים הראשונים ולעקור אותה התקנה ואותה הגזרה ואותו המנהג, אינו יכול עד שיהיה גדול מן הראשונים בחכמה ובמנין. היה גדול בחכמה אבל לא במנין, במנין אבל לא בחכמה, אינו יכול לבטל את דבריו, אפילו בטל הטעם שבגללו גזרו הראשונים או התקינו, אין האחרונים יכולין לבטל עד שיהו גדולים מהם וכו'. במה דברים אמורים, בדברים שלא אסרו אותן כדי לעשות סייג לתורה, אלא כשאר דיני תורה. **אבל דברים שראו בית דין לגזור ולאסרן לעשות סייג, אם פשט איסורן בכל ישראל אין בית דין גדול אחר יכול לעקרן ולהתירן, אפילו היה גדול מן הראשונים.**

[לד] **בכסף משנה** (ממרים שם, ב): נראה שרבינו מפרש הא דתנן פרק קמא דעדיות (משנה ה) שאין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו עד שיהא גדול ממנו בחכמה ובמנין, היינו כשנחלקו בגזירה או תקנה, ובית דין של ראשונים ראו לגזור או לתקן כך, ובית דין שאחריהם ראו לתקן בענין אחר, אינם יכולים לבטל דברי הראשונים עד שיהיו גדולים מהם בחכמה ובמנין. אבל דברים שראו בית דין לגזור ולאסרו לעשות סייג, אם פשט איסורן בכל ישראל אין בית הגדול אחר יכול לעקרן אפילו היה גדול מהראשונים.

**ואם תאמר**, הא אמרינן בגיטין פרק השולח (לו:) גבי התקין הלל פרוזבול, אמר שמואל אי איישר חילי יותר מהלל אבטליניה, ואמרינן נמי התם דאי לדרי עלמא תקין הלל פרוזבול, אין בידינו כח לבטל, דאין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו וכו', משמע הא גדול בחכמה ובמנין יכול לבטלן.

**יש לומר**, דפרוזבול לאו גדר הוא פן יפרצו על דברי תורה, דאדרבה דין תורה הוא שישמט, והלל הפקיע הממון ותיקן דלא לישמיט. ואע"ג דאמרינן התם שהתקין פרוזבול **לפי שראה שנמנעו העם מלהלוות זה את זה ועוברים על מה שכתוב בתורה** השמר לך פן יהיה דבר עם לבבך בליעל, לאו איסורא לגמרי הוו עבדי כשנמנעין מלהלוות, דהא שב ואל תעשה הוא. ודרך כלל, עיקר תקנת הפרוזבול לא היה סייג לתורה, אלא מפני תקנת העניים שלא תנעול דלת בפניהם, ומפני תקנת העשירים שלא יפסידו. וכן פירש"י שם על הא דבעי מאי

KolSatmar.com

[וכמו שאמרו שם בגמרא, מאי פרוסבול, אמר רב חסדא] **פְּרוֹס בּוּלִי וּבּוּטִי.**

[ופירש"י: **פְּרוֹס**, תקנה. **בּוּלִי וּבּוּטִי**, עשירים ועניים, עשירים שלא יפסידו, ועניים שלא ינעלו דלת בפניהם].

**איי ס'שטייט דאָך נמנעו מלהלוות** [ועוברין על מה שכתוב בתורה]**, דאָס איז נישט דער עיקר טעם, ס'איז לאו דוקא.**

**עב**

וקשה דהלא מבואר במשנה דטעם התקנה הוא לפי שראה שעוברין על דברי תורה

**יא) ס'איז אַביסל שווער** [תירוץ הכסף משנה, שהרי] **אין די משנה שטייט נישט קיין אַנדערער טעם, נאָר ראה שנמנעו העם מלהלוות** [ועוברין על מה שכתוב בתורה וגו'].

[והתינח] **איך קען זאָגן 'דאָס אויך'** [דהוא גם תקנת ממון, ובזה יובן שפיר דברי רב חסדא בגמרא שאין בזה סתירה לדברי המשנה]. **אָבער ס'איז שווער** [לומר כדברי הכסף משנה אַז] **מ'זאָל דאָס אינגאַנצן אַוועקמאַכן** [לטעם המשנה, בו בשעה] **אַז אין די משנה - אַ סְתָם משנה - שטייט נישט קיין אַנדערער טעם.**

**עג**

**קושיא יב**

קושית התוספות: למה לא תקנו חכמים זכר "ליובל", כדרך שתקנו שביעית בזמן הזה זכר "לשמיטה"

**יב) תוספות פרעגט די קשיא**[לה]**, פאַרוואָס האָט מען געמאַכט** [בזמן הזה רק] **"שמיטה"** [מדרבנן, זכר לשמיטה דאורייתא]**, פאַרוואָס האָט מען נישט געמאַכט קיין זכר "ליובל".**

**'נייט' זיך תוספות** [לתרץ בדוחק]**, ווייל ס'איז שווער געווען אויף צוויי יאָר** [בזה אחר זה, ליאסר בעבודת קרקע].

**נאָר מ'קען זאָגן נאָך, פאַרוואָס מ'האָט נישט געמאַכט קיין זכר ליובל.**

**עד**

**קושיא יג - על הרמב"ם בשם הגאונים**

הרמב"ם בשם הגאונים: דיש חילוק בין זמן הבית לזמן חורבנה, בענין אם "שנת היובל" עולה לחשבון שנות השמיטה. דבזמן הבית אינו עולה לחשבון, ובזמן הגלות עולה לחשבון

**דאָ אין דער רמב"ם אין פרק י' מהלכות שביעית**[לו] (הלכה ה)**, שטעלט אַראָפּ דער רמב"ם בשם הגאונים, פירט ער אויס, קעגן** [=לגבי] **די פלוגתא פון רבי יהודה מיט**

---

פרוזבול, אמר רב חסדא **פרוס בולי ובוטי**, כלומר עשירים ועניים.

ובהא ניחא לי למה פירש בו רב חסדא שהוא פרוז 'בוטי', דאנן **פרוזבול** קרינן דהיינו תקנת העשירים, שלא יעברו על דברי תורה, ומנא ליה לפרושי דהוא נמי תקנת העניים. אלא משום דמשמע דלאו סייג לתורה עבד, אלא תיקון לעשירים שלא יפסידו, ותיקון לעניים שלא תנעול דלת בפניהם, וכמו שכתבתי. [ועיין עוד שם ליישב מה שקשה עוד על זה משאר מקומות בגמרא, ואכמ"ל].

[לה] **בתוספות** גיטין (לו:): **ותקון רבנן דמשמט זכר לשביעית.** והא דלא תקון נמי יובל זכר ליובל, משום דאין רוב צבור יכולין לעמוד בה, ליאסר בעבודת קרקע שתי שנים רצופות.

[לו] **ברמב"ם** (שמיטה ויובל י, ג-ו): שבעה עשר יובלים מנו ישראל, משנכנסו לארץ ועד שיצאו. ושנה שיצאו בה שחרב הבית בראשונה, מוצאי שביעית היתה, ושנת שש ושלשים ביובל היתה, שארבע מאות שנה ועשר שנים עמד בית ראשון. כיון שחרב הבית בטל מנין זה, משבטלה נשארה הארץ חרבה שבעים שנה, ונבנה בית שני, וארבע מאות ועשרים שנה עמד, ובשנה השביעית מבניינו עלה עזרא, והיא הביאה השנייה, ומשנה זו התחילו למנות מנין אחר, ועשו שנת י"ג לבנין בית שני שמטה, ומנו שבע שמטות וקדשו שנת החמשים, אעפ"י שלא היתה שם יובל בבית שני, מונין היו אותו כדי לקדש שמיטות.

[**ובהשגת הראב"ד**: שבעה עשר יובלין מנו ישראל. אמר אברהם, זהו לדעת רבי יהודה דאמר שנת חמשים עולה לכאן ולכאן, דאילו לרבנן בצרי להו שבע שכבשו ושבע שחלקו. אלא שיעור יובלות קאמר. ומאי דאמר שנת שש ושלשים היתה, זהו לדעת רבנן, דאילו לרבי יהודה שנת שלש היתה ביובל].

KolSatmar.com

די **רבנן** (ראש השנה ט. וערכין לג.) צי איך זאָג שנת היובל איז 'עולה לכאן ולכאן', צי ניין. זאָגט דער **רמב"ם**, זעט אויס אין די **גמרא** (ערכין יב:) [כרבנן, אַז] איך זאָג להלכה, אַז ס'איז נישט עולה [לחשבון שנות השמיטה].

נאָר זאָגט ער, די **גאונים** האָבן אָבער געשטעלט אַ יסוד, די גאונים זאָגן, אַז מ'האָט געזאָגט - ער פירט אַזוי אויס - אַז ס'איז אַ חילוק.

[כי] **בזמן הבית** איז שנת יובל 'נישט' עולה געווען לכאן ולכאן, האָט מען נאָך דעם זיבעטן יאָר שמיטה [דהיינו לאחר מ"ט שנים שהיא שמיטה השביעית] געמוזט 'אַוועק רעכענען' דעם שנת היובל [עקסטער], און אָנהייבן צו ציילן [מן שנת נ"א ואילך, את השבע שנות השמיטה השמינית].

אָבער אין **גלות בבל**, בחורבנה, ווען ס'איז געווען [שבט יהודה ובנימין] אין **בבל**, צי פריער [בסוף הבית ראשון משגלו שבט ראובן וגד]. הערשט נאָכ'ן חורבן, צי פריער, [ביז] פאַר'ן בנין בית [שני], דעמאָלטס האָב איך געלערנט אַז שנת היובל איז 'יאָ' עולה לכאן ולכאן, [ושנת נ"א נחשב לשנה השניה של שמיטה השמינית].

אַזוי זאָגט דער **רמב"ם בשם הגאונים**.

**עה**

והכסף משנה מבאר הטעם לזה, דסברא הוא דכשנוהג דין יובל הוא נמנה לעצמו, וכשאין כאן יובל עולה שנת החמשים בחשבון שנות השמיטה. ואם תאמר אם כן למה בזמן הבית כשלא נהג יובל (בסוף בית ראשון, ולדעת הרמב"ם הוא כן גם בבית שני), לא היה עולה לחשבון. על זה מתריץ, כי אז היה מצפים שיחזרו ישראל לשם, וששוב תהיה כל יושביה עליה וינהגו יובל

דער **כסף משנה** פלאָגט זיך דאָס צו פאַרענטפערן[לז] [מהיכן למדו לומר כן]. **מילא** ער זאָגט טעמים.

---

נמצאת למד, שהשנה שחרב בה הבית באחרונה שתחלתה מתשרי, שאחר החרבן כשני חדשים, שהרי מתשרי הוא המנין לשמיטים וליובלות, אותה השנה מוצאי שביעית היתה, ושנת ט"ו מן היובל התשיעי היתה, ולפי חשבון זה שנה זו שהיא שנת אלף ומאה ושבע לחורבן וכו' שהיא שנת שש ושלשים ותשע מאות וארבעת אלפים ליצירה, היא שנת שמיטה, והיא שנת אחת ועשרים מן היובל.

אבל כל הגאונים אמרו, שמסורת היא בידיהם איש מפי איש, שלא מנו באותן השבעים שנה שבין חורבן בית ראשון ובנין בית שני אלא שמטות בלבד בלא יובל. וכן משחרב באחרונה לא מנו שנת החמשים, אלא שבע שבע בלבד מתחלת שנת החרבן, **וכן עולה בגמרא עבודה זרה** (ט:) חשבון זה שהוא קבלה.

**ושנת השמטה ידועה היא ומפורסמת אצל הגאונים ואנשי ארץ ישראל**, וכולן לא מנו אלא לשני חורבן, משליכין אותן שבע שבע, ולפי חשבון זה תהי שנה זו שהיא שנת שבע ומאה ואלף לחרבן מוצאי שביעית, **ועל זה אנו סומכין**, וכפי החשבון זה אנו מורין לענין מעשרות ושביעית והשמטת כספים, **שהקבלה והמעשה עמודים גדולים בהוראה**, ובהן ראוי להתלות.

**[ובהשגת הראב"ד**: אמר אברהם. הגאונים שאמרו שאין מונין משנת החרבן אלא שבע, אולי גם כן קודם החורבן, כי יש מפרשים דסבירא להו [להגאונים] כרבי יהודה דאמר שנת חמשים עולה לכאן ולכאן, וסומכין את דבריהם למה שאמרו **בגמרא דעבודה זרה** (ט.) ונשקול מכל מאה תרתי ונשדי אפרטי, כי אמרו אלו המפרשים, לא יתכן לחשב אחר החורבן זכר לבנין חשבון אחר זולתי החשבון הראשון, מכל מקום אני איני סובר לא כדבריהם ולא כדבריו, ואיני מפרש נשקול מכל מאה תרתי ונשדי אפרטי על דרך פירושם, אלא לומר שאינם נותנים ליובל אחר חורבן שם זכר קדושה, אלא כשאר שני שבוע שהם חול, מ"מ חמשים חמשים הם מונין דלא כר' יהודה, כמו שהיו מונין בתחלה, **ואולי דעת הגאונים כך הוא**].

[לז] **בכסף משנה** (שם, ה): ואע"פ שדברי רבינו באו בכאן בקיצור, **בתשובה** באו מבוארים יותר, שכתב (בתשובות הרמב"ם סימן שפט, ובדפו"י סימן קעב) וז"ל, אבל מצאנו **תשובה לגאון רבינו האי ז"ל** ענינה, שמנין ראשון לא בטל ושעליו אנו סומכים, אבל לא מנו יובלות משחרב הבית ראשונה אלא שמיטין בלבד, ואמר באותה תשובה שהחשבון הזה ירושה הוא בידיהם ושהיא סדורה בפי הכל, וכך נמצא בתשובה שקודם רבינו האי ז"ל מכמה שנים כדברי הגאון, ולפי חשבון זה נמצא הבית חרב במוצאי שביעית כמו שאמרנו וכו', והביא הראיה מהא דאמרינן בתחלת עבודה זרה (ט:) האי מאן דבעי למידע כמה שני בשבוע וכו', דשמע מינה דלא מנינן יובל, אלא

KolSatmar.com

**׳קודם׳ זאָגט ער אַ ׳טעם׳, אַ ׳סברא׳, ווייל ס׳האָט נוהג געווען דער יובל, ממילא רעכן איך אים** [בפני עצמו. משא״כ] **אַז דער יובל איז נישט נוהג, קומט עס נישט אין חשבון** [ומתחילין שנות שמיטה השמינית בשנת חמישים].

[און ׳נאָכדעם׳ זאָגט ער], **איי בזמן הבית**[לח] **האָט דאָך נישט נוהג געווען יובל** [לשיטת

---

ז׳ ז׳ בלבד מונה. ולא השגיח על הדברים שנתפרשו במסכת ערכין, כאילו אינם כתובים. והדברים מראים דהאי מימרא וחושבנא דיליה אליבא דמאן דאמר עזרא לא קידש אלא זכר בעלמא עבד, וקדושה ראשונה קדשה לשעתה וקדשה לעתיד לבא, ואזיל מימרא קמא דאמרינן, והוא דסליק אליבא דשמעתא ממסכת ערכין (לב:) אליבא דמאן דאמר עזרא קידש וקדושה ראשונה קדשה לשעתה ולא קידשה לעתיד לבא, ודבר זה נחלקו בו התנאים והאמוראים כמו שנתבאר בגמרא שבועות פרק ב׳ (טז.), ובכמה מקומות בגמרא אזלא שמעתא כמאן דאמר לא קידש, עד כאן לשונו.

ולע״ד נראה, שאם טעם הגאונים משום דסבירא להו כמאן דאמר קדושה ראשונה קידשה גם לעתיד לבא, כלומר ומשום הכי אע״פ שחרב הבית בראשונה לא בטלה קדושתה, הילכך לא בטל מנין ראשון כיון שקדושתה לעולם קיימת. מה נשתנה קודם חורבן ששנת יובל לא היתה נכנסת במנין השמיטות, וכרבנן דאמרי הכי, ואחר שחרב הבית עשו כר׳ יהודה ולא מנו אלא שבע שבע. וכן יקשה אם תאמר שקידשה לעתיד לבא. ועוד קשה דמה ענין קידשה לעתיד לבא או לא קידשה לענין זה, דהא שמטת קרקעות נוהגת היא אע״פ שחרב הבית, וכמבואר בדברי רבינו ריש פרק ט׳, וכפי פירוש רבינו ופירוש ר״ת דבזמן שאתה משמט קרקעות היינו יובל, אבל שמטת קרקעות לעולם נוהגת מן התורה. מיהו בהא איכא למימר דבהכי תליא מילתא, אבל קמייתא קשיא.

לכך נראה לי שטעם הגאונים, דסבירא להו, דבזמן שהיובל נוהג עבדו כרבנן ואין היובל נכנס במנין השמיטות, שמאחר שקדושת היובל לחוד וקידוש השמטה לחוד אינו בדין שיכנס היובל בכלל שני שבוע. אבל כשאין היובל נוהג, כיון שאין קדושה נוהגת בשנת החמשים יותר מבשאר שנים, דין הוא שיכנס היובל בכלל שני שבוע, כיון שאין לו קדושה. ולכך משחרב הבית בראשונה לא מנו אלא שבע שבע, ואע״פ שנבנה הבית, מאחר שלא היה יובל נוהג מפני שאין יושביה עליה.

ואע״ג דאמרינן בסוף ערכין (לב:) מנו יובלות לקדש שמיטין, כבר אמרו שם (לג.) דאתיא כרבנן דסברי דאף בזמן שאין היובל נוהג אין שנת החמשים עולה מן המנין. ואע״פ שנראה מסוגיא דגמרא דרבנן ורבי יהודה פליגי בין בזמן שהיובל נוהג בין בזמן שאינו נוהג, ונמצא שסברא זו שאני כותב לדעת הגאונים היא דלא כמאן, אפשר לומר דגמרא רצה להשיב למקשה לפי שיטתו, אבל לפי האמת רבנן לא אמרו אלא בזמן שהיובל נוהג דוקא, אבל בזמן שאין היובל נוהג לא.

וההיא דאמרו בסוף ערכין דכשגלו שבט ראובן ושבט גד, לדעת רבנן דאי קידשה לעתיד לבא נוהגת שמיטה מן התורה, מנו יובלות לקדש שמיטין. לא קשיא, דאיכא למימר **דשאני התם שהיו מצפים שיחזרו, כמו שחזרו לבסוף**, ולפיכך לא ראו להפסיק סדר היובלות. ואפשר לומר עוד **שלא אירע יובל באותם שנים ששהו.** והא דקאמר משגלו שבט ראובן ושבט גד בטלו יובלות, לא בטלו ממש קאמר, אלא היו ראויים ליבטל אילו לא חזרו קאמר.

**ואפשר שבאיזה מקום מצאו הגאונים גילוי לפרש כן, כדרבנן. או אפשר שהיא סברא שלישית מצאוה הגאונים בשום מקום.**

[ויש לציין כאן הערה נחוצה, דהפלפול שאמר רבינו כאן בקושיא י״ג ובתירוץ קושיא זו, אזיל לפי שיטת שו״ת **מהרלב״ח** (סימן קמג) **והדרישה** (חו״מ סימן סז, סוף ס״ק ט) שהם מוכיחים מדברי הרמב״ם עצמו דדעתו כי בבית שני אף שלא היה היובל ״נוהג״ (להרמב״ם, כמבואר להלן בהערה לט), מכל מקום היו ״מונין״ שנת יובל בפני עצמו כדי שלא להעלותו בחשבון שנות השמיטה, ולא כבזמן החורבן שאין שום חשבון ליובל ושנת החמישים הוא בכלל חשבון שנות השמיטה, ועל זה סובב הפלפול דלהלן בדעת הרמב״ם למה היה חילוק בזה בין זמן הבית לזמן החורבן. ומפרש רבינו זאת בצירוף סברת הכסף משנה לענין ״סוף הבית ראשון״ לאחר שגלו השבטים, דמתרץ הכסף משנה שהיו מצפים שיחזרו, ושהגאונים מצאו איזה גילוי בזה בדברי הגמרא מה שלא ידוע לכאורה מקומו (כמבואר להלן בהמשך הדרוש). אבל לדעת הכסף משנה עצמו, אין צורך לכל זה לענין ״הבית שני״, כי הוא ז״ל סובר דבבית שני כשלא היה היובל נוהג, גם לא היו ״מונין״ שנת היובל, והיה ממש כבזמן החורבן (ורבינו בדרוש דידן סָתַם וקיצר בכל זה שלא להאריך הדרוש יותר, אבל בעת לימוד הסוגיא בישיבה ביאר זה, וכן סידרו הכותבים את דרוש הזה בקונטרס חידושי תורה ודרשות מא״י פרשת פינחס, ובדברי יואל תניינא שם. וגם ׳נרמז׳ בקצרה מענין זה בלשון רבינו כאן, להלן בסוף אות קו, עיי״ש בהערה נו).

והיוצא מזה דכל האריכות שבקושיא י״ג ובתירוצו, הוא לבאר ״דעת הרמב״ם״ עצמו ודעת ״הגאונים״ בענין זה (לפי שיטת מהרלב״ח ופרישה בדעת הרמב״ם), ע״פ סגנון דברי הכסף משנה. אבל לא ליישב דברי ״הכסף משנה״ עצמו (דלדידיה לא קשה מידי על זמן בית שני, רק על סוף זמן בית ראשון), אף שמהלשון אפשר להשתמע קצת כאילו הדברים סובבים ליישב דברי הכסף משנה].

[לח] הכסף משנה עצמו הקשה כן רק על סוף בית ראשון, אבל כוונת רבינו להביא קושיתו לענין זמן הבית שני, דרבינו אזיל בשיטת מהרלב״ח ודרישה דהרמב״ם סובר דגם בבית שני לא היה שנת היובל עולה בחשבון, וכמבואר בסוף הערה הקודמת.

KolSatmar.com

הרמב״ם (כדלהלן בסמוך)][לט], ווייל ס׳איז נישט געווען כל יושביה, [ואם כן למה לא תקנו אז שיעלה שנת היובל לחשבון שנות השמיטה כמו בזמן חורבנה].

און דער רמב״ם לערנט דאָך[מ] אפילו ביי תרומה אויכעט, אַז ס׳איז דעמאָלטס [בבית שני] געווען מדרבנן, ווייל ס׳איז נישט געווען כל יושביה.

זאָגט ער [בכסף משנה], מ׳האָט דאָך אָבער געהאָפט ס׳זאָל קומען [כל יושביה], מְצַפִּים שֶׁיָּבוֹאוּ, [ועל כן בזמן בית שני מנו שנות היובל בפני עצמן, שמא יחזרו כל יושביה וינהוג היובל מן התורה, שאז אין היובל עולה בחשבון]. אָבער אַן אַנדערס מאָל נישט.

**עו**

אבל עדיין קשה מהיכן מצאו הגאונים מקור לזה בגמרא, דהלא בגמרא מוכח דמחלוקת רבי יהודה ורבנן מיירי בין בזמן הבית ובין בזמן החורבן, ומנא להו לפסוק בזמן הבית כרבנן ובזמן החורבן כרבי יהודה

נאָר אָבער, דער שוועריגקייט איז פון דעם זייער האַרב [בדברי הרמב״ם בשם הגאונים שמחלקים בין זמן הבית לזמן החורבן]. ווייל אין די גמרא זעט אויס אַז ס׳איז נישט קיין חילוק, אַזוי זעט אויס אין מסקנת הגמרא.

- קודם [קשה דברי הכסף משנה שסובר דבבית שני היה היובל עולה בחשבון, שהרי אמרו] מנו יובלות לקדש שמיטין, זעט דאָך אויס [שלא היה עולה]. און דאָס איז דאָך געווען בזמן הבית [שני][מא].

[און] עקסטערדעם - אין די גמרא זעט אויס [אַז] רבי יהודה מיט די רבנן קריגן [בין בזמן הבית ובין בזמן החורבן אם היובל עולה או אינו עולה], און [ביידע] מאַכן נישט קיין שום חילוק. ס׳איז דאָ כמה הוכחות [לזה].

**עז**

ועל זה מתרץ הכסף משנה דאפשר שמצאו איזה גילוי בגמרא לומר כן, והוא סברא שלישית בגמרא דלא כר״י ולא כרבנן

זאָגט דער כסף משנה, אפשר האָבן זיי [הגאונים] געטראָפן עפּעס אַ גילוי דַעַת [בדברי הגמרא] אויף אַ דריטע שיטה, ערגעץ האָבן זיי געמוזט טרעפן ערגעץ - זאָגט ער - עפּעס אַ דריטע שיטה, נישט אַזוי ווי רבי יהודה [און] נישט אַזוי ווי די רבנן, נאָר [אַז] ס׳איז אַ חילוק צי בזמן הבית צי נישט בזמן הבית.

און ער [הכסף משנה במסקנתו] בלייבט ביי דעם.

---

[לט] דמה שהארכנו לעיל דרק בתחלת בית שני לא נהג יובל, אבל אח״כ כשנתרבו העם כבר נהג יובל בבית שני, כל זה הוא לדרכינו בביאור שיטת רש״י, בכדי לסלק ממנו כל הקושיות שבענין. אבל לשיטת הרמב״ם מבואר להדיא בדבריו דלא היה היובל נוהג בבית שני, וכלשונו (שמיטה ויובל י, ג) דאעפ״י שלא "היתה" שם יובל בבית שני, מונין היו אותו כדי לקדש שמיטות. ואפילו בתרומה סובר דהיה רק מדרבנן, וכמו שמזכיר רבינו בסמוך.

ולדרכינו לעיל (מדברי חז״ל) דבסוף הבית שני היה שם קהל רב בריבוי עצום, צריך לומר לדעת הרמב״ם, דמ״מ לא היו שם הרוב "מכל שבט ושבט", כי סובר שלא חזרו כולם בבית שני. ויש לומר דסובר כדעת הרמב״ן בחידושיו (המובא לעיל בריש הערה כה) דעשרת השבטים לא חזרו כלל בבית שני לארץ ישראל, ואם כן ריבוי העם שבבית שני, זה היה משבט יהודה ובנימין ולוי בלבד.

[מ] **ברמב״ם** (תרומות א, כו): **התרומה בזמן הזה** ואפילו במקום שהחזיקו עולי בבל, ואפילו בימי עזרא, אינה מן התורה אלא מדבריהן, שאין לך תרומה של תורה אלא בארץ ישראל בלבד ובזמן שכל ישראל שם, שנאמר כי תבואו, ביאת כולכם כשהיו [=כמו שהיו] בירושה ראשונה, וכמו שהן עתידין לחזור בירושה שלישית, **לא כשהיו בירושה שנייה שהיתה בימי עזרא** שהיתה ביאת מקצתן, ולפיכך לא חייבה אותן מן התורה. וכן יראה לי שהוא הדין **במעשרות** שאין חייבין בזמן הזה אלא מדבריהם, כתרומה. [וע״ש בהשגות הראב״ד שחולק על זה].

[מא] והוא כקושית מהרלב״ח ודרישה שחולקין על הכסף משנה וסוברים דבזמן בית שני הרמב״ם מודה שלא היה עולה היובל לחשבון. [אולם רבינו לא חזר כאן לתרץ דעת הכסף משנה בזה, רק העיר כאן בקצרה דרך אגב. ועיין בזה בחידושי סוגיות (סוגיא דפרוזבול, אות יז), ששם מבאר רבינו דעת הכסף משנה בזה, דאזיל לשיטתו דס״ל בדעת הרמב״ם דשמיטה נוהג מן התורה אף בזמן שאין היובל נוהג (ולא כרש״י), ועל כן לא היה שייך למנות "יובל" מדרבנן, בזמן שחשבון שנות "השמיטה" הם מן התורה והם בלא חשבון שנת יובל].

**עח**

אמנם תירוצו הוא ענין פלא, דהלא בפשטות נמצא דסברת הגאונים הוא
נגד סוגיות הש"ס בגמרא, ועדיין צ"ב מהיכן מצאו מקור לזה בדברי הגמרא

יג) לכאורה איז דאָך [עס] אויך עפּעס אַן ענין פלא, אַז ס'איז קעגן די גמרא. ער פאַרענטפערט מ'האָט 'ערגעץ' געטראָפן, [אבל עדיין לא נדע] 'וואו' האָט ער געטראָפן.

מילא זיי האָבן דאָך געהאַט ס'איז געווען כל הש"ס פתוחים לפניהם, [ואם] איז [סברתם] ערגעץ פאַרוואָרפן אין אַנדערע מאמרי חכמינו ז"ל, אָבער דאָס איז דאָך קעגן די 'גמרא'. אַזאַ זאַך, אַז אין די גמרא זעט אויס אַז ס'איז נישט קיין חילוק, און ער האָט עפּעס גאָר געטראָפן אַ נייע זאַך. און מ'געפינט נישט קיין 'גילוי' דאָ אין די גאַנצע זאַך 'וואו' איז דאָס דער 'מקום אחר', מ'געפינט נישט קיין גילוי דַעַת ערגעץ אין די "גמרא" צו דער סברא פון די גאונים, אַז ס'איז אַ חילוק פון בזמן הבית צי היצט.

**עט**

# ישוב הקושיות בסוגיא דפרוזבול

**ישוב קושיא ב-ג-ד**

נאָר וואָס'זשע דען, נאָר איידער איך וועל צוקומען [לישוב קושיא יג], קודם מיין איך [ליישב וואָס] איך האָב פריער אָנגעהויבן (בקושיא ב-ג) [מיט] די פלוגתא פון **רש"י** מיט **רבינו תם**, און די 'סתירה' פון רש"י (קושיא ז).

**פ**

נראה לומר דרש"י היה לו שיטה ממוצעת, באופן שיתורץ הן הקושיות על רש"י, והן הקושיות על התוספות

דאַכט זיך מיר אַז **רש"י** האָט דאָ געהאַט **אַ שִׁיטָה מְמוּצַעַת**.

רש"י האָט געהאַט אַ שיטה **צו פאַרענטפערן אַלע קשיות** [הן מה שהקשה ר"ת על רש"י, והן מה שהקשו הראשונים על ר"ת].

**פא**

וואָרן אויף **רש"י'ס שיטה** איז דאָך דאָ דעם **רבינו תם'ס קשיא**, וואָס זיי פלאָגן זיך. [ווייל] ער ברענגט ראיות [מהגמרא] אַז ס'האָט [יאָ] נוהג געווען יובל בזמן הבית [שני] (קושיא ב).

אויפ'ן **רבינו תם** איז דאָך ווידער דאָ אַ **קושיא פליאה**, ווי קען זיין [אַז] ער [הלל] האָט געמאַכט [התקנה] אויף נאָכן חורבן, [והלא] אַל תִּפְתַּח פֶּה לְשָׂטָן, אַזוי ווי זיי פרעגן שוין (קושיא ג). און דאָס לשון אין די גמרא זעט דאָך אויס "תקינו" רבנן [בלשון עבר] (קושיא ה).

קען זיין אַז **רש"י** לערנט דאָ, דאָס איז ביידע אמת.

**פב**

והוא דסובר רש"י דבימי עזרא לא היו כל יושביה עליה, ולא נהג היובל, אבל בהמשך
זמן הבית שני נתרבה העם ושוב נעשה כל יושביה עליה, והיה היובל נוהג מן התורה

וואָרן די גמרא זאָגט[מב], **בימי עזרא** איז עס נישט געווען כל יושביה, ווייל ס'איז

---

[מב] **בגמרא ערכין** (לב:), הובא לעיל בהערה כג.

KolSatmar.com

געקומען כל הקהל [היה מספרם רק כערך] ארבע רבוא. דאָרט שמועסט מען בימי עזרא, [איז] טאַקע אמת [שהיה רק] ארבע רבוא.

אָבער שפּעטער איז דאָך נתרבה געוואָרן [יושביה], ס'איז נתרבה געוואָרן דער ישוב. מ'זעט אין [דברי] חכמינו ז"ל[מג], זעט מען [אַז] בשעת'ן חורבן [בית שני] איז דאָך געווען אָן אַ שיעור [אידן, בירושלים וארץ ישראל].

[ואם כן] מאן יימר לן, [אפשר 'שפּעטער' בהמשך זמן בית שני] דעמאָלטס איז טאַקע יאָ געווען כל יושביה עליה[מד]. [ונמצא] זיי זענען ביידע אמת, [הן סברת רש"י והן סברת ר"ת].

[כי] הלל בזמנו איז יאָ געווען כל יושביה, ער איז געווען 'שפּעטער' הלל גאָר.

(ומיושב קושיא ב, שלא יוקשה מכל ההוכחות של ר"ת דמוכח בגמרא שהיה היובל נוהג בבית שני).

[ומה שמבואר בגמרא דערכין] דעס וואָס ס'איז נישט געווען כל יושביה, איז נאָר געווען בימי עזרא. (ומיושב קושיא ד, דמה שאמרו דלאו כולהו ישראל סליק, הוא רק בימי עזרא).

### פג

וסובר דתקנת הלל לא היה במפורש על זמן החורבן, אלא על זמן הבית, באם יבוא עוד זמן שלא יהיו כל יושביה עליה בזמן הבית, וכמו שכבר היה בימי עזרא

וואָס דען וויל רש"י האָבן [במה שהקשה "ואף על גב דהלל היה בבית שני" וכו'][מה].

[זהו יען כי] רש"י'ן איז שווער געווען צו זאָגן [כסברת ר"ת] אַז ער האָט געמאַכט [התקנה רק] אויף נאָכ'ן חורבן, דורך זייערע קשיות [של הרמב"ן ורשב"א על סברת ר"ת] (עיין קושיא ג).

[ולכן] זאָגט ער ניין, [שהרי] ס'איז דאָך געווען בזמן הבית אויך אַ זמן וואָס ס'איז

---

[מג] **באיכה רבה** (א, ב): הָעִיר רַבָּתִי עָם (איכה א, א), תני רבי שמואל, עשרים וארבע פלטיות היו בירושלים, וכל פלטיה ופלטיה עשרין וארבעה מבואות, וכל מבוי ומבוי עשרין וארבעה שווקים, ועל כל שוק ושוק עשרים וארבעה שקקים, ועל כל שקק ושקק עשרים וארבעה חצרות, ועל כל חצר וחצר עשרים וארבעה בתים, וכל "חצר וחצר" היתה מוציאה עַם **כפלים כיוצאי מצרים** וכו'.

מבקש אַתְּ לידע כמה אוכלוסין היו בירושלים, מן כהניא אַתְּ ידע וכו', הדא דְאַתְּ אמר בבנין הראשון. אבל **בבנין השני**, פעם אחת בקש אגריפס המלך לידע כמה מנין אוכלוסין שבירושלים, אמר להם לכהנים הפרישו לי כוליא אחת מכל פסח ופסח, הפרישו לו שש מאות אלף זוגות של כוליות, כפלים כיוצאי מצרים. ואין לך כל פסח ופסח שלא היו עליו מנויין יותר מעשרה, תני ר' חייא אפילו ארבעים ואפילו חמשים, בר קפרא אמר אפילו מאה, חוץ ממי שהיה טמא או בדרך רחוקה וכו'. - [וכן הוא **בגמרא פסחים** (סד:)].

[מד] וז"ל **בדברי יואל על סוגיות הש"ס** (סוגיא דפרוזבול, אות ב): הנה זה ודאי דפשטות הגמרא בערכין (לא.) מוכח דלא נהג יובל בזמן עזרא, דקאמר מנו יובלות לקדש שמיטין (וזה היה אף בזמן עזרא) ואף להמסקנא דשם לא נהג בימי עזרא, אפילו נימא דירמיהו החזירן ויאשיה מָלַךְ עליהן וכו', זה היה בזמן בית ראשון, ומכל מקום מפשטות הסוגיא משמע דלא היו כל יושביו עליו בזמן עזרא וגם שאז הי' מעורבין כנ"ל. אמנם התינח באותו זמן שעלה עזרא מבבל אין הכי נמי דהיו רק מיעוטא, אבל אחר כך במשך הזמן מאן יימר לן דלא נתוספו עליהם, והיו רוב מכל שבט, וכמו שמבואר בהדיא במדרש רבה איכה הָעִיר רַבָּתִי עָם וכו', ביקש אגריפס המלך לידע מנין אוכלסין שבירושלים וכו' הפרישו לו שש מאות אלף זוגות כליות כפלים כיוצאי מצרים וכו'.

מבואר מזה דהיו אז עם גדול ועצום מאוד, אם כן לפי הסברא בודאי היה אז כבר רוב מכל שבט ושבט, ואף דיש לומר דנולדו להם שם בארץ ישראל, מכל מקום מסתמא מכל השבטים נולדו להם עד שהיה רוב מכל שבט ושבט, וגם מאן יימר לן דלא באו אחר כך גם מחוץ לארץ ועל ידי זה זה ניתוספו, אם כן באותו זמן שוב הוה יובל מן התורה, דהא איכא כל יושביה עליה. נמצא דאף דבזמן עזרא גופא לא היו כל יושביה עליה, מכל מקום יוכל להיות דאח"כ היו כל יושביה עליה, וממילא הוה יובל דבר תורה. ובזה אתי שפיר מה דאמרינן **מנו יובלות לקדש שמיטין**, דזה קאי על זמן עזרא גופא, ואז באמת לא היו כל יושביה עליה, דהא דכתיב בקרא כָּל הַקָּהָל כְּאֶחָד אַרְבַּע רִבּוֹא וגו', זה היה בזמן עזרא, על כן בוודאי דלא נהג יובל אז, אבל אח"כ בימי הלל אפשר דכבר ניתוספו עליהם, ושפיר הוי יובל נוהג דבר תורה.

[מה] עיין בתחלת לשון רש"י לעיל בהערה ט.

KolSatmar.com

נישט געווען כל יושביה, [כגון בימי עזרא והסמוך לו], האָט שוין הלל געמאַכט אַ תקנה טאַקע אויף **בזמן הבית**, אַז טאָמער ווען ווידער׳ וועט זיך מאַכן אַ סיבה [שלא יהיה עוד כל יושביה עליה, וכגון] אַ שבט וועט אָוועקפאָרן, זאָל מען וויסן דאַרף זיין שמיטה.

[וממילא] איז שוין נישט געווען, איז עס שוין נישט בכלל אַל תִּפְתַּח פֶּה לְשָׂטָן, וואָרן ער האָט נישט געשמועסט פונעם ׳חורבן׳. (ומיושב קושיא ג).

### פד
### ישוב קושיא ה

מה שאמרו "תקינו" רבנן דתשמט, לא קאי על תקנת "פרוזבול" שבימי הלל, אלא תקנת "שמיטה דרבנן" שבימי עזרא

און דער [לשון הגמרא] **"תקינו" רבנן דתשמט**, דעס איז געווען ׳נאָך דעמאָלטס׳, **בימי עזרא**. [שהרי] בימי עזרא איז דאָך [נאָך] נישט געווען כל יושביה עליה [ולא נהג שמיטות ויובלות מדאורייתא], האָט מען "שוין" געמאַכט דעם תיקון פון **שמיטה מדרבנן**[מ]. [ולכן אמרו בגמרא לשון עבר], וואָרן ס׳איז שוין געשען. און נישט [אַז] ׳היצט׳ האָט ער געזאָגט אַז נאָכ׳ן חורבן וועט מען מאַכן אַ תקנה אויף שמיטה. [איז] טאַקע ווי די גמרא זאָגט **"תקינו" דתשמט**.

### פה

אלא שהלל הוסיף על התקנה שבימי עזרא, שבאם יבוא עוד זמן כזה
שיהיה שמיטה רק מדרבנן, אז יועיל ענין "פרוזבול" שלא תשמט החוב

האָט **הלל** מוסיף געווען, [כי] אַז ס׳וועט נאָכאַמאָל אַזוינס פאָרקומען [שלא יהיו כל יושביה עליה], טאַקע **בזמן הבית** - אַז ס׳וועט זיין שמיטה מדרבנן - אַז ס׳וועט ׳נישט׳ זיין **כל יושביה**, דעסטוועגן זאָל מען מוזן האַלטן שמיטה [מדרבנן, כמו שהיה בימי עזרא. וכדי שלא ימנעו אז העם מלהלוות, עמד ותיקן פרוזבול על זמן ההוא של שביעית דרבנן].

### פו
### המשך ישוב קושיא ג

באמת ידע הלל כי לא יהיה עוד זמן כזה בזמן הבית, והיה "דעתו" ומחשבתו לעשות התקנה על זמן החורבן
וכסברת ר"ת, אבל במפורש לא גילה מחשבתו משום אל תפתח פה לשטן, אלא "אמר" לבני דורו שעושה התקנה
על זמן הבית באם יבוא עוד זמן שלא יהיו כל יושביה עליה

[ולעולם] "אינזין" געהאַט [במחשבתו] האָט ער **אויף נאָכ׳ן חורבן** [כדברי ר"ת], ווייל געוואוסט האָט ער אויף דעמאָלטס [בזמן הבית, מימיו עד החורבן] אַז ס׳וועט נישט זיין ׳דער פאַל׳ [של שלילת כל יושביה], נאָר ער האָט געזען ס׳וועט חרוב ווערן, [ולכן] "געמיינט" האָט ער טאַקע אויף **נאָכ׳ן חורבן**, [וכסברת ר"ת].

נאָר וואָס דען, דאָס האָט מען נישט געדאַרפט צו "זאָגן", [משום אל תפתח פה לשטן], אַזוי ווי דער **רשב"א** מיטן **רמב"ן** זאָגן. [ולכן] האָט ער געמאַכט [׳בדיבור׳ את התקנה] אויף **בזמן הבית**, [וטעם זה הוא "שאמר" לבני דורו].

### פז
### ישוב קושיא ז

מה שהקשה רש"י בתחלת דבריו דהלא הלל היה בזמן הבית, ומתרץ שבבית שני לא היה היובל נוהג. זהו רק לומר
דהיה זמן כזה בבית שני שלא היה היובל (וכגון בימי עזרא), כדי שיהיה שייך מציאות כזה גם בזמן הבית

[און] דעס וואָס **רש"י** זאָגט (בד"ה בשביעית) אַז בימיו של הלל, כאָטשיג הלל איז

---

[מ] כי באמת לשון הגמרא "ותקינו רבנן דמשמט" לא קאי על תקנת פרוזבול, רק על תקנת חיוב שמיטה מדרבנן, אף בזמן שאין היובל נוהג.

געווען בזמן הבית, [מכל מקום] בזמן הבית איז אויך נישט געווען כל יושביה, [און] ער ברענגט פון בימי עזרא[מז].

דעס זאָגט רש״י [רק לומר] אַז ס׳איז געווען דאָס מציאות [כזה גם בזמן הבית, שלא היו שם כל יושביה, והיינו בתחלת הבית שני בימי עזרא והסמוך לון]. אָבער נישט אַז ס׳איז ״אַלעמאָל״ אַזוי געווען [במשך הבית שני], דעס לשון שטייט שוין נישט אין רש״י.

**פח**

אבל בסוף דבריו כתב רש״י כגון עכשיו שבטלה קְדוּשַׁת הָאָרֶץ, כי באמת היה כוונת הלל על הזמן של ״עכשיו״

איבערדעם פירט ער אויס (בד״ה בזמן) ״עכשיו״, עכשיו שבטלה קְדוּשַׁת הָאָרֶץ, [ווייל] פאַר ׳אונז׳ איז עס אַ נפקא מינה, נאָר אויף ״עכשיו״ [בזמן החורבן]. אָבער אין אֱמֶת׳ן אַריין האָט ער [הלל] אויך ״געמיינט״ נאָר [אויף] ״עכשיו״ [בזמן החורבן. שהרי בזמנו היה נוהג שביעית מן התורה, ולא היה שייך תקנת הפרוזבול לפי תירוץ אביי].

**פט**

**המשך ישוב קושיא ב-ג**

ונמצא דבאמת סובר גם רש״י כסברת ר״ת דהיה היובל נוהג בבית שני, אלא דבכדי שלא יוקשה בקושיות הראשונים על ר״ת דאל תפתח פה לשטן, כתב רש״י דגם בזמן הבית היה זמן כזה שלא היה היובל נוהג, ונמצא דלא גילה טעמו על זמן החורבן רק אמר טעמו על זמן הבית עצמו

ממילא מיט דעם איז פאַרענטפערט. איז פאַרענטפערטביידע קשיות, [הן מה שהקשו ר״ת על רש״י, והן מה שהקשו הראשונים על ר״ת] (קושיא ב-ג).

אין הכי נמי אַז יובל האָט נוהג געווען בזמן הבית [שני, וכמו שיש על זה כמה הוכחות מהגמרא], און ער [הלל בימיו] האָט געמיינט אויף נאָכ׳ן חורבן (וכדברי ר״ת).

נאָר וואָס דען, ער [רש״י] ברויך נאָר דעס [להוסיף על זה], ער ברויך נאָר צו זאָגן אַז בזמן הבית איז אויך געווען דעס מציאות [שהיתה תקופה כזה שלא היה היובל נוהג], כדי ער זאָל קענען מאַכן די תקנה [על זמן הבית עצמו, ולא יהיה בזה משום אל תפתח פה לשטן]. ממילא אַז ס׳האָט געהאַט אַ מציאות, אַז ׳אָן אַ חורבן׳, אַז ס׳זאָל נישט זיין כל יושביה עליה, קאָן זיין, האָט ער שוין געקענט מאַכן די תקנה [ע״י שיאמר דהוא חושש שמא יחזור הדבר להיות כן בזמן הבית, אבל באמת היה דעתו וכוונתו על זמן החורבן].

**צ**

**ישוב קושיא יא, וקושיא ו**

נאָר דעס וואָס ס׳שטייט אין די משנה ״נמנעו העם מלהלוות״ [בלשון עבר (קושיא ו). וגם נאמר שם במשנה ״ועוברין על מה שכתוב בתורה״, וקשה האיך כתב **הכסף משנה** דתקנת פרוזבול הוא משום ממון, ולא משום מיגדר מילתא (קושיא יא)].

**צא**

במהר״ם שיף העיר, דלשון המשנה שראה הלל ״שעוברין על מה שכתוב בתורה״ הִשָּׁמֶר לְךָ וגו׳, לא שייך לכאורה בשביעית בזמן הזה, דהא אין השמיטה מן התורה ואין נוהג לאו זה

[יש לומר בשנקדים כי] לעולם איז נאָך דער מהר״ם שיף[מח] איז עס נאָך מעיר [על לשון המשנה ״ועוברין על מה שכתוב בתורה״], אַז [לדברי אביי דמיירי בשביעית דרבנן, קשה לכאורה דהרי]

---

[מז] שכתב אחר כך: ודאמרינן בערכין (דף לב:) מנו יובלות לקדש שמיטין, מדרבנן קאמר, עכ״ל. והך דערכין מיירי מבימי עזרא. ולכאורה לפי דברינו יש חילוק גדול בין ימי עזרא לימי הלל, דרק בימי עזרא לא היו כל יושביה, אבל בימי הלל כבר היו כל יושביה והיובל נהג מן התורה.

[מח] **במהר״ם שי״ף** (גיטין לו. ד״ה בא״ד דהוו) ביאור בלשון התוספות ״דהוו ידע דחרוב ביתא״, וז״ל: ושיעמדו ויתקנו רבנן שמטה זכר לשביעית, ידע מסברא. אי נמי בזמן חורבן בית ראשון תקנו נמי כן. והא דקאמר ראה

KolSatmar.com

ווען שמיטה איז דרבנן, איז מען נישט עובר דעם הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן יִהְיֶה דָבָר עִם לְבָבְךָ בְלִיַּעַל, ווייל מדאורייתא איז דאָך נישט געווען קיין שמיטה, נאָר די חכמים האָבן געמאַכט [שמיטת הכספים].

**צב**

ובאמת יש לדחות דבריו, דכל דתקון רבנן כעין דאורייתא תקון, והכוונה שראה שעוברים על לאו זה מדבריהם

[נאָר] די דברי מהר"ם שיף איז אַביסל שווער, [דסוף סוף הרי] 'דאָך' אַז די חכמים האָבן געמאַכט [שביעית דרבנן ובכלל זה גם שמיטת כספים, איז דאָך] כל דתקון רבנן [כעין דאורייתא תקון, ואם כן הרי נכלל בזה גם האיסור שלא להמנע מתחלה מלהלוות לעני עבור זה, ואם כן יובן שפיר לשון המשנה ועוברין על מה שכתוב בתורה, אף שהוא רק דרבנן].

**צג**

אבל יש להסביר דבריו, כי אף כשתקנו שמיטה מדרבנן, וגם השמטת כספים מדרבנן, מ"מ לא תקנו שיהא גם איסור "מניעת ההלואה" מדרבנן. דהגע עצמך, אם תיקנו תקנה עבור שראו שהעם עוברין על איסור מניעת ההלואה, למה להם לתקן האיסור על זה מתחילה

נאָר וואָס דען, איך האָב למשל, איך האָב געקלערט מ'קאָן עס נאָך אַביסל בעסער מסביר זיין, [אַז] ס'איז טאַקע דאָ [לנכון] דעם מהר"ם שיף'ס סברא.

ווייל לעולם דער הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן יִהְיֶה דָבָר עִם לְבָבְךָ בְלִיַּעַל, דעס איז דאָך אַן 'עקסטערער לאו'. [ווייל] פון דעם וואָס די תורה הקדושה האָט געזאָגט [עצם דין] שמיטה [ושהחוב משתמטת], איז נאָכנישט געדרינגען דער לאו פון הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן יִהְיֶה דָבָר עִם לְבָבְךָ בְלִיַּעַל [לֵאמֹר] קָרְבָה שְׁנַת הַשֶּׁבַע [שְׁנַת הַשְּׁמִטָּה וְרָעָה עֵינְךָ בְּאָחִיךָ הָאֶבְיוֹן] וְלֹא תִתֵּן לוֹ. ס'איז דאָך אַן עקסטערער לאו [מיוחד על זה "שלא לימנע עצמו מלהלוות לעני" עבור החשש שלא יאבד ממונו כשקרבה שנת השמיטה].

[וכיון שהוא ענין ולאו בפני עצמו], איז דאָך עס ממילא [מסתבר, כי אפילו] אַז די רבנן האָבן געמאַכט שמיטה [דרבנן ושתשמט החוב בשביעית, מכל מקום] מאַן יימר לן אַז ס'איז נוהג געווען [מדרבנן] "דער לאו" פון הִשָּׁמֶר לְךָ, [שיאסרו חכמים שלא לימנע עצמו מלהלוות לעני עבור זה. ואדרבה] מ'קען זאָגן אַז "דעם לאו" האָט מען נישט געמוזט מאַכן [מדרבנן]. אַז מ'האָט מורא געהאַט פאַר אַ תקלה [שהעם יעברו על האיסור של מניעה מלהלוות], האָט מען [מעיקרא] "דעם לאו" נישט געמוזט מאַכן [בשעה שתקנו שביעית בזמן הזה].

**צד**

ונמצא דבאמת בשביעית בזמן הזה אין איסור לאו דמניעת ההלואה, ואם כן תקנת פרוזבול בהכרח לא היה משום שעוברים על איסור, אלא משום תקנת ממון, וא"ש דברי הכסף משנה

נאָר וואָס דען איז געווען דער פרוזבול, [אם אין שום איסור במניעת הלואה לעני, ונמצא שאין עוברין על מה שכתוב בתורה ואפילו על דרבנן].

[אמנם] דער **פרוזבול** איז טאַקע געווען אויף **פְּרוֹס בוּלִי וּבוּטִי** [דהיינו בשביל תקנת עשירים ועניים], ס'איז נאָר אַ תקנה געווען ווען מָמוֹן, [שלא תנעול דלת בפני לווין], ס'איז

---

[הלשון] "שנמנעו" וכו', ר"ל ראה שימנעו. או אף בזמנו התחילו במדה רעה זו. וכן מסתבר, דאז אתי שפיר טפי ועברו על מה שכתוב בתורה, דלאחר חורבן, מדאורייתא שפיר עבדי דאין מלוין, כיון שלא רצו לפרוע אחר שביעית, ומדאורייתא חייבים לשלם דאין שביעית משמט, וק"ל.

KolSatmar.com

טאַקע נאָר אַ תקנת ממון [שלא ימנעו העשירים מלהלוות לעניים המחזרין אחר ממון, כדי שלא יפסידו ממונם. כי אף שלא יעברו על ״איסור״, אבל מפני תיקון העולם יש צורך גדול שהעשירים ילוו להעניים, וכלשון המשנה בגיטין דהלל תיקן פרוזבול ״מפני תיקון העולם״].

**צה**

ומה שאמרו במשנה דשביעית דהלל תקן פרוזבול כשראה ״עוברין על מה שכתוב בתורה״, זה קאי על זמן הלל כשהיה השביעית מדאורייתא. ואין פירושו (לתירוץ אביי) כי זה היה ׳טעם׳ התקנה על הזמן של שביעית דרבנן, אלא הוא ׳לימוד קל וחומר׳ מבימיו לזמן החורבן, דאם ראה דאף כשהיה בזה לאו דאורייתא נמנעו העם מלהלוות, כל שכן דכשיהיה רק מדרבנן וגם לא יהיה בזה שום איסור, שהעם ימנעו מלהלות, ולכן תיקן פרוזבול כדי שלא יפסידו העניים

[וממילא] דעס וואָס ער זאָגט [במשנה דהלל] **ראה שנמנעו מלהלוות** [״ועוברין על מה שכתוב בתורה״], דאָס גייט אַרויף [אויף] דעמאָלטס בזמן הבית, אַז ס׳איז געווען מדאורייתא. אויף דעם זמן [שלאחר החורבן] האָט מען גאָרנישט געזאָגט [שיהיה לאו דהשמר לך. נאָר] ס׳איז דאָך געווען זמנים וואָס שמיטה איז געווען דאורייתא, דעמאָלטס האָט ער געזען שנמנעו העם מלהלוות.

[וכוונת המשנה הוא כך, כי מכיון] אַז ער האָט געזען [כי] ׳אפילו דעמאָלטס׳ [בימי הלל שהיה היובל נוהג] ווען מ׳איז עובר [מן התורה] אויף הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן יִהְיֶה דָבָר עִם לְבָבְךָ בְלִיַּעַל, איז געווען נמנעו מלהלוות, [אם כן] על אחת כמה וכמה ווען ס׳איז [כל השמיטה רק] מדרבנן, [און] מ׳איז שוין נישט עובר אויף ״דעם לאו״ [של מניעת הלואה, אפילו מדרבנן], וועט מען דאָך אַוודאי עובר זיין [פירוש שימנעו עצמם מלהלוות. ונמצא שתנעול דלת בפני לוין]. איבערדעם האָט ער געמאַכט דעם **פרוזבול**.

אָבער היינט, דער ״היינטיגער פרוזבול״ איז שוין טאַקע נאָר וועגן ממון [משום תקנת עניים ועשירים, כדברי רב חסדא].

- איבערדעם האָט ער [שמואל] שוין געזאָגט אי איישר **חילי אבטליניה** [שלא היה תקנה למיגדר מילתא רק לממון]. (עיין באורך באות קכב-קכד). -

און דעס וואָס שטייט [במשנה] נמנעו העם [מלהלות ועוברין וכו׳], דאָס איז געווען דעמאָלטס [בימי הלל] ווען ס׳איז געווען דאורייתא, וואָרן ער האָט עס געמאַכט טאַקע נאָך באותו הזמן [שהיה בזה איסור לאו דאורייתא]. אָבער דעס וואָס מ׳האָט עובר געווען, דאָס איז נישט ״וועגן דעם״ [האָט ער געמאַכט תקנת פרוזבול], ער האָט עס נישט גיווען געמאַכט ווייל מ׳איז עובר אויף דעם הִשָּׁמֶר לְךָ, ער זאָגט עס נאָר פאַר אַ ״קל וחומר״, אַז ער האָט געזען [כי] אפילו ווען ס׳איז דאורייתא איז מען אויך עובר, על אחת כמה וכמה [בזמן שהשמטת כספים דרבנן ולא יהיה איסור מניעת הלואה] - דאָס איז נאָר אַ [סברת] ״קל וחומר״ - וועט מען אַוודאי זיין נמנעו מלהלוות. אָבער ס׳איז נישט געווען ׳וועגן׳ דעם איסור [דהשמר לך], וואָרן ווען שמיטה איז דרבנן איז דער איסור נישט דאָ. – [וממילא אתי שפיר תירוץ הכסף משנה על הרמב״ם בהל׳ ממרים].

**צו**

**הקדמה לישוב קושיא יג**

נאָר צו פאַרענטפערן דעם שיטת הרמב״ם מיט די גאונים וואָס איך האָב פריער געזאָגט (בקושיא יג), פון וואו האָט ער גענומען אַז ס׳איז אַ חילוק פון בזמן הבית [לזמן החורבן] אַקעגן שנת היובל עולה לכאן ולכאן.

KolSatmar.com

**צז**

מבואר בגמרא ערכין, דבבית שני לא התחילו למנות יובל עד שעלה עזרא, שזה היה ו' שנים לאחר התחלת בנין הבית

[יש לומר בזה, דהנה] **דאָ אין די גמרא אין ערכין**[מט], **ביי דעם חשבון פון די שבעה עשר יובלות** [שמנו ישראל משנכנסו לארץ עד שיצאו], **און ער רעכנט אויס כשחרב הבית איז געווען במוצאי שביעית.**

**די גמרא פלאָגט זיך מיטן חשבון** [של מוצאי שביעית בזמן החורבן], **ער איז מפלפל** [דערין].

**צום סוף פירט די גמרא אויס** [דעם תירוץ] **פון רב אשי, רב אשי זאָגט אַז דער חשבון שטימט פאַרדעם, ווייל די זעקס יאָר וואָס עזרא הסופר איז נישט אַרויפגעקומען קיין ארץ ישראל**[נ] [בתחלת בנין בית שני], **ביז ער איז אַרויפגעקומען קיין ארץ ישראל - עזרא הסופר - האָט מען נישט געציילט, לא מנו, האָט מען נישט געציילט קיין שמיטין 'ויובלות'.**

**צח**

והקשו התוספות דהלא מבואר שם בהחשבון דגם בסוף בית ראשון כשכבר גלו שבטים היו מונין יובל, ואם כן גם בגלות בבל היה להם למנות אף קודם שעלה עזרא, ולמה אמרו דהתחילו למנות רק כשעלה עזרא. ותירצו דשאני בסוף בית ראשון דעדיין היו בארץ ישראל ושפיר מנו יובל משום חשבון השמיטות. אבל בבבל לא היו מקדשין כלל שמיטה כיון שהוא בחו"ל, ולכן לא מנו אז יובל

**פרעגט תוספות**[נא] **די קשיא, פאַרוואָס האָט מען נישט געציילט** [קודם שעלה עזרא לחשבון היובל]. **מ'האָט דאָך געציילט - זאָגט ער -** [לחשבון] **שמיטין.**

---

[מט] **בגמרא ערכין** (דף יא:) הביאו ברייתא: רבי יוסי אומר מגלגלין זכות ליום זכאי וחובה ליום חייב, אמרו **כשחרב הבית בראשונה**, אותו היום תשעה באב היה, ומוצאי שבת היה, **ומוצאי שביעית היתה**, ומשמרתו של יהויריב היתה, והיו כהנים ולוים עומדים על דוכנן ואומרים שירה וכו'. **וכן בשניה.**

ועל זה אמרו **אחר כך בגמרא** (דף יב: יג.): **ושניה במוצאי שביעית מי משכחת לה**, מכדי בית שני כמה קם, ארבע מאה ועשרים, ארבע מאה תמניא יובלי, ארבסרי תרי שבוע, פשו להו שית, הוה ליה בשיתא בשבוע. הא מני רבי יהודה היא דאמר שנת חמשים עולה לכאן ולכאן, אייתי תמניא מתמניא יובלי, והני שית, הוי ארביסר, אישתכח דבמוצאי שביעית חרוב.

אי ר' יהודה, **בראשונה** לא משכחת לה, דתניא **שבעה עשר יובלות מנו ישראל, משנכנסו לארץ ועד שיצאו**. ואי אתה יכול לומר משעה שנכנסו מנו, שאם אתה אומר כן נמצא בית חרב בתחילת יובל, ואי אתה מוצא בארבע עשרה שנה אחר אשר הוכתה העיר, אלא צא מהם שבע שכיבשו ושבע שחילקו, ואתה מוצא בארבע עשרה שנה אחר אשר הוכתה העיר. ואי רבי יהודה, אייתי שבסרי משבסרי יובלי, שדי אהני, הוה ליה בתלתא בשבוע. הנך שני דאגלינהו סנחריב עד דאתא ירמיה אהדרינהו לא קחשיב להו.

איבעית אימא לעולם רבנן, וכי קתני וכן בשניה, אשארא. הכי נמי מסתברא וכו'.

**רב אשי אמר, הנך שית שני עד דסליק עזרא ומקדיש לא קא חשיב להו**, דכתיב (עזרא ד, כד) באדין בטילת עבידת בית אלקא די בירושלים, וכתיב (שם ו, טו) ושיציא ביתא דנא עד יום תלתא לירח אדר דהיא שנת שית למלכות דריוש מלכא, ותנא באותו זמן לשנה הבאה עלה עזרא וגלותו עמו, דכתיב (שם ז, ח) ויבא ירושלים בחודש החמישי היא השנה השביעית למלך. - [ועיין בכל זה **בפירש"י** שם באורך, ואכמ"ל].

[נ] והטעם לזה מבואר **בגמרא מגילה** (טז:): אמר רב ואיתימא רב שמואל בר מרתא, **גדול תלמוד תורה יותר מבנין בית המקדש**, שכל זמן שבָּרוּךְ בֶּן נֵרִיָּה קיים, לא הניחו עֶזְרָא ועלה.

**ופירש"י**: שיש לך לתמוה, למה לא עלה עזרא עם זרובבל בימי כורש, עד השנה השביעית לדריוש האחרון לאחר שנבנה הבית, כמו שכתוב בעזרא (ז, ח) וַיָּבֹא יְרוּשָׁלַםִ בַּחֹדֶשׁ הַחֲמִישִׁי הִיא שְׁנַת הַשְּׁבִיעִית לַמֶּלֶךְ, ובמדרש שהיה לומד תורה מפי בָּרוּךְ בֶּן נֵרִיָּה בבבל, ובָרוּךְ לא עלה מבבל, ומת שם בתוך השנים הללו. ודאמרן לעיל (טו.) בָּרוּךְ נתנבא בשנת שתים לדריוש, בבבל היה מתנבא, ושולח ספרים לירושלים.

[נא] **בתוספות שם** (יג.): **הנך שית עד דסליק עזרא וקדיש לא קחשיב**. צריך עיון, למאי דפירשתי (שם יב: ד"ה הנך) דכי נמי גלו [עשרת] השבטים מנו נמי יובלות כדי לקדש השמיטין, אם כן בגלות דבבל קודם דסליק עזרא נמי היו מונין, ואמאי התחילו למנות [חשבון חדש] כי סליק עזרא.

KolSatmar.com

פונקט אַזוי ווי **בזמן הבית** [ראשון אחר שגלו השבטים] **זאָגסטו** [אַז] **מ׳האָט געציילט שמיטה**, און ווייל מ׳האָט געציילט שמיטה האָט מען שוין געציילט **יובל** אויכעט, **מָנוּ יובלות לקדש שמיטין**, די זעלבע איז דאָך געווען אפילו **בחורבנה** אויכעט [בגלות בבל עד דסליק עזרא] האָט מען אויך גדאַרפט ציילן **שמיטה**, און **יובלות** וועגן שמיטה, [ואמאי התחילו למנות חשבון היובל רק כשעלה עזרא].

זאָגט **תוספות**, ווייל **בחורבנה**, אַז ס׳איז נישט געווען [ישראל שרויין על אדמתם], ווייל מ׳איז נישט געוועזן אין ארץ ישראל, און אין חוץ לארץ איז נישט אָנגעגאַנגען קיין שמיטה [בכלל, לכן לא מנו כלל].

**צט**

ושוב הקשו התוספות דסוף סוף גם בגולה היו צריכין לקדש שביעית, מפני שמיטת כספים שנוהגת אף בחוצה לארץ, ואם כן למה לא ימנו שמיטות ויובל כמו בשהיה מקצת ישראל על אדמתן, ונשארו התוספות בצריך עיון

פרעגט **תוספות** ווייטער, ס׳איז דאָך אָבער געווען **שמיטת כספים** [שנוהג אף בחוץ לארץ], האָט מען דאָך גדאַרפט ציילן **שמיטה**, ממילא העט מען שוין [וועון] גדאַרפט ציילן **יובל** אויכעט.

און בלייבט ביי די קשיא, **תוספות** ענטפערט נישט.

**ק**

ונראה ליישב קושייתם על פי שיטת הרמב״ם בשם הגאונים דיש חילוק באופן חשבון שנות השמיטה בין זמן הבית לזמן החורבן, לענין אם שנת החמשים עולה בחשבון, וע״כ אף שמנו שמיטין גם בגלות בבל, מ״מ אז נכנס גם שנת החמשים במנין שנות השמיטה, וכשעלה עזרא שוב היה הדין דאין שנת החמישים עולה, ועל כן התחילו אז כל החשבון מחדש

**אָבער לשיטת הרמב״ם** [בשם הגאונים, לחלק בין זמן הבית לזמן חורבנה], **איז תוספות׳ס קשיא** נישט קשה.

**ווייל** לויט די **גאונים**, איז ממילא **בזמן הבית** איז דאָך געווען **שנת היובל** ׳נישט׳ עולה לכאן ולכאן, און פריער [בגלות בבל] איז דאָך [יאָ געווען] **שנת היובל עולה לכאן ולכאן**. ממילא [כשעלה עזרא] אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן **דער חשבון** [של זמן הבית שאין שנת היובל עולה], אַז דער חשבון האָט זיך אָנגעהויבן, מ׳האָט אָנגעהויבן אויפדאָסניי צו ציילן, האָט מען זיך מיטן פריערדיגן חשבון נישט געקאָנט רעכענען, וואָרן אַז ס׳איז געווען [עד עתה] **שנת היובל עולה לכאן ולכאן** איז מען דאָך אַרויס פונעם חשבון [הנכון], ממילא האָט מען געמוזט אָנהייבן צו ציילן אַ נייעם **חשבון**.

איבערדעם זאָגט רב אשי אַז איך רעכן נישט די זעקס יאָר, ווייל פון דערפריער [קודם שעלה עזרא, היה בחשבון אחר], **ווייל** ס׳איז געווען [שנת היובל עולה בחשבון]. **ווייל** - דאָס מוז איך זאָגן [שנהג שמיטת כספים] - **הגם אין הכי נמי ס׳איז געווען שמיטת כספים** [נוהג אף בחוץ לארץ, ולכן] האָט מען וועגן גדאַרפט ציילן יובל, אָבער דעמאָלטס איז

---

ויש לומר דלא דמי, דודאי בעוד ישראל על אדמתם [קודם חורבן הראשון], כי נמי אין יובל נוהג [לאחר שגלו שאר השבטים], שמיטה נוהג בחרישה וזריעה, והיו מקדשין [יובלות לקדש שמיטין]. **אבל בגלות, לא היו מקדשין כלל שביעית.**

וצריך עיון, דכי נמי היו בגולה היו צריכין לקדש שביעית, מפני שמיטת כספים שנוהגת בין בארץ בין בחוצה לארץ, ואם הוא כך דשביעית אינו תלוי ביובל, כי נמי ישראל בגלות ואינן כלל על אדמתן, למה לא ימנו שמיטין כמו מקצת ישראל על אדמתן, ואף על גב דאין כל יושביה עליה מונין שביעית אף על גב שאין מונין יובל.

KolSatmar.com

דאָך אָבער דער **יובל**, איז דאָך דער [שנת] **יובל** אָבער געווען **עולה לכאן ולכאן**, האָט מען קיין [שנת] **יובל** נישט געברויכט ציילן. ממילא אויף דערנאָכדעם [כשעלה עזרא, ושוב לא היה היובל עולה בחשבון], האָט מען דאָך וועגן שמיטות אויך געמוזט אָנהייבן אויפסניי צו ציילן[נב], ווייל ס'האָט זיך דאָך אָנגעהויבן אַ נייער חשבון.

ממילא איז **תוספות'ס קשיא** פאַרענטפערט.

### קא
### ישוב קושיא יג

ומכילא שוב מצאנו מקור בדברי הגמרא לשיטת הגאונים, והוא בדברי הגמרא ערכין, שלא יתיישב שם קושית התוספות רק אם נפרש דהגמרא סובר לחלק בענין זה בין זמן הבית לזמן החורבן, וכשיטת הגאונים

מיט דעם איז רעכט, קען זיין דער רמב"ם האָט גענומען "דעם דין" [לחלק בין זמן הבית לזמן חורבנה], **טאַקע פון דאַנעט**. וואָרן ווען נישט, איז דאָך קשה **תוספות'ס קשיא**. [וממילא] פון דעם אַליין וואָס **רב אשי** זאָגט אַז איך האָב נישט גערעכנט די זעקס יאָר, **פון דאַנעט איז געדרינגען** אַז ס'איז אַ **חילוק** [בין זמן הבית לזמן הגלות, בענין אם שנת היובל עולה בחשבון].

### קב

והטעם באמת למה סברו חכמים לחלק בזה, כבר תירץ הכסף משנה, דהוא משום דבזמן הבית היו מצפים שיחזרו כל ישראל ויהיה כל יושביה עליה

איי [הא גופא פאַרוואָס] **ס'איז נישט געווען עולה לכאן ולכאן** [בזמן בית שני, צריך טעם למה לא עשו אז כבזמן חורבנה דשנת היובל עולה לכאן ולכאן, דהלא לדעת הרמב"ם גם בבית שני לא היה דיני היובל נוהג, ואם כן מאי שנא בזה מזמן הבית לזמן החורבן (והוא קושית הכסף משנה)].

**זאָגט שוין דער כסף משנה** [לתרץ זאת], **זאָגט ער ווייל מ'האָט געהאָפט** [בזמן הבית שיחזרו כל יושביה, ויהיה היובל נוהג] (כדלעיל אות עה).

### קג

ויש להוסיף לדרכינו כי בזמן הבית יש בזה סברת "הואיל" שאפשר שיחזרו כל ישראל לשם

[און] ס'קען זיין [להוסיף על זה, אַז] **איך זאָג נאָך** [סברת] **"הואיל" אויכעט, אַ זאַך וואָס ס'איז** [היה אפשר שיהיה כן], **"הואיל" - למשל - ווען זיי העטן גיוועזן געקומען** [כולם לארץ ישראל], **ווען אילמלי** [היה כן] **העט דאָך געקאָנט זיין ס'זאָל זיין כל יושביה**.

### קד

משא"כ בזמן חורבנה הרי יש שבועה חמורה "שלא יעלו בחומה", ואם כן אין מציאות בזמן הגלות שיהיו כל יושביה עליה. ולומר "הואיל" שאפשר שתהיה הגאולה, וגם "הואיל" שיחזרו כל ישראל, הלא "תרי הואיל" לא אמרינן

**אָבער בחורבנה קען מען דאָך נישט זאָגן** [שהיו מצפים] **אַז ס'זאָל זיין כל יושביה** [עליה, שיבואו כולם לארץ ישראל], **וואָרן בחורבנה איז דאָ אַ "שבועה" שלא יעלו בחומה**[נג], [ונמצא] **ס'איז דאָך גאָרנישט אפילו מעגליך, מ'טאָר דאָך ניטאַמאָל, ס'טאָר דאָך נישט זיין כל יושביה עליה, ס'איז דאָך נישט קיין מציאות**. [וממילא בזמן חורבנה] **קען איך דעם "הואיל" נישט זאָגן**. [דבזמן הגלות] **מוז דאָך קודם זיין - איז דאָך שוין**

---

[נב] אף שהשמיטה היתה נוהגת גם קודם לזה.

[נג] כמבואר בגמרא כתובות (קיא.). ועיין בויואל משה (א, י-כג) שמבאר רבינו דענין "עלייה בחומה" הוא כל עלייה של כנופיא גדולה ומרובה ביחד שעולים לארץ ישראל, וכל שכן בעליית רוב ישראל שמה.

**תרתי הואיל** - אַז ס׳זאָל זיין די גאולה, ׳און׳ מ׳זאָל זאָל קומען [כל יושביה עליה, וכללא אית לן כי] **תרי הואיל לא אמרינן**[נד].

איבערדעם דאָס איז טאַקע דער חילוק [בזמן חורבנה], ווייל ׳דעמאָלטס׳ האָט דאָך די זאַך נישט קיין מציאות [שיחזרו למצב כל יושביה עליה][נה].

**קה**

**הקדמה לישוב קושיא יב (אופן א)**

נחזור לענינינו. מיט דעם איז פאַרענטפערט **תוספות׳ס קשיא** (בקושיא יב), וואָס **תוספות** פרעגט פאַרוואָס מ׳האָט געמאַכט [מדרבנן] נאָר אַ זכר אויף **שמיטה**, נישט אויף **יובל**.

**קו**

כבר נתבאר דעצם תקנת שביעית בזמן הזה, הוא תקנה קדומה מימי עזרא, ואז תקנו ״למנות״ יובל כדי שלא יעלה שנת החמישים לחשבון, משא״כ בזמן חורבנה גם שנת החמשים עולה לחשבון שנות השמיטה, והטעם כבר נתבאר דבזמן המקדש היו מצפים שיחזרו כולם והיה שייך סברת הואיל, משא״כ בזמן החורבן

[דהנה] איך האָב דאָך שוין פריער (באות פד) געזאָגט דאָס, אַז די ערשטע תקנה וואָס מ׳האָט געמאַכט **שמיטה** [מדרבנן], האָט מען געמאַכט **בימי עזרא**. [און] דעמאָלטס איז דאָך נישט [געווען קיין יובל], בימי עזרא האָט נישט נוהג געווען קיין **יובל** ווייל ס׳איז נישט געווען **כל יושביה עליה**, נאָר וואָס׳זשע דען, מ׳האָט געמאַכט **שמיטה מדרבנן**, [און] ווייל מ׳האָט געמאַכט שמיטה מדרבנן האָט מען שוין געמוזט ״ציילן״ די **יובלות**, ווייל ס׳זאָל נישט פאַרדאַרבן ווערן דער **חשבון** [שנות השמיטה], ווייל [לחשבון האמיתי נמצא] ס׳איז נישט עולה לכאן ולכאן [שנת היובל].

איי די קשיא איז דאָך פאַרוואָס [טאַקע רצו ותקנו כך שלא יהא היובל עולה לחשבון בזמן הבית שני, אף שלא נהג יובל, ומאי שנא מבזמן חורבנה]. **זאָגט** דאָך שוין דער **כסף משנה**, ווייל בזמן הבית, אפילו ס׳איז נישט געווען כל יושביה עליה, **היו מצפים** [שיחזרו], זיין האָבן מְצַפִּים געווען מ׳זאָל קומען (כדלעיל אות עה ואות קב). [וממילא] אַז ס׳איז געווען מְצַפִּים מ׳זאָל קומען, איז דאָך שוין געווען [אַ מציאות של יובל], האָט מען דאָך שוין [סברת הואיל], איז געווען אַ ״הואיל״ געווען אַז מ׳זאָל מקיים זיין יובל [כדינו מן התורה. און] אַז מ׳קען שוין מקיים זיין יובל, לערן איך שוין [כרבנן דרבי יהודה], איז עס שוין נישט עולה לכאן ולכאן.

אָבער אַן אַנדערס מאָל, **בחורבנה**, איז האָט מען נישט קיין חשבון אַז ס׳זאָל נוהג זיין יובל, [שהרי] ס׳קען גאָרנישט זיין [מציאות כזה], ס׳קאָן דאָך נישט זיין **כל יושביה** [בזמן הגלות, שהרי הושבעו על זה]. אַזוי ווי דער כסף משנה אַליין זאָגט [דעם חילוק, אַז נאָר] ״דעמאָלטס״ היו מצפים, אַז ביים בית ראשון[נו] איז עס נאָך געווען מצפים דערויף, און דאָס איז נישט געווען מער בזמן חורבנה, [ולכן בזמן חורבנה] איז דאָך יובל יאָ עולה געווען לכאן ולכאן.

---

[נד] כמבואר **בתוספות** פסחים (מו: ד״ה הואיל). ומקורו **בגמרא** שם (לח.).

[נה] ועיין עוד, **בחידושי סוגיות** (סוגיא דפרוזבול, אות יז) בישוב קושיא יג באופן אחר קצת, על פי הכלל דכל הראוי לבילה אין בילה מעכבתו.

[נו] והיינו לשיטת הכסף משנה עצמו בדעת הרמב״ם, דרק מסוף בית ראשון קשה, אבל בבית שני לא היה היובל עולה בחשבון, ואם כן לא קשה מבית שני. וכמו כן נימא אנן לשיטת מהלב״ח ודרישה בדעת הרמב״ם, לענין ״הבית שני״ (ועיין לעיל בסוף הערה לז, ובהערה לח).

**קז**

**ישוב קושיא יב (אופן א)**

בימי עזרא כשתקנו לנהוג קדושת שביעית זכר לשמיטה, הלא תקנו גם "למנות" יובל כדי לקדש שמיטין בזמנם, ונמצא דבלאו הכי כבר היה באותה תקנה גם "זכר ליובל". ואח"כ בזמן החורבן כשכבר לא מנו יובלות, לא עשו זכר ליובל, כי אז הרי לא עשו שום תקנה חדשה אף לשמיטה, ונהגו שמיטה רק מחמת תקנה הקדומה

**היצט איז שוין פאַרענטפערט תוספות׳ס קשיא.** [וואָס] **תוספות פרעגט פאַרוואָס איך האָב נישט געמאַכט** [מדרבנן] **קיין זכר "ליובל".**

[דהנה] **איך זאָג דאָך אַזוי: דעס וואָס מ׳האָט מתקן געווען שמיטה** [מדרבנן], **איז דאָך געווען אַ ׳תקנה קדומה׳ מימי עזרא,** [ווען] **ס׳איז נישט געווען כל יושביה עליה, איז דאָך נישט געווען קיין יובל. און די גזירה שוה** [רצ"ל ההיקש] **זאָגט**[נ] [כי] **אַז ס׳איז נישטאָ קיין יובל איז נישטאָ קיין שמיטה, האָט מען געמאַכט שמיטה מדרבנן.** [ושנת יובל היו ׳מונין׳ אטו חשבון שנות שמיטה, אבל לא נהג דין יובל].

[אָבער] **נאָכן חורבן האָט מען דאָך שוין נישט געמאַכט קיין פרישע תקנה אויף שמיטה,** [רק שמאליו חל אז התקנה הקדומה שמימי עזרא].

**און הלל האָט געמאַכט דעם** [תקנת] **פרוזבול, נאָר ווייל ס׳איז שוין געווען אַ תקנה קדומה** [עוד מימי עזרא] **אַז ס׳איז ׳אייביג׳ נוהג שמיטה** [מדרבנן, אף כשאין היובל נוהג].

**קח**

**זאָג איך אַזוי:**

**ווען מ׳האָט געמאַכט די תקנה פון שמיטה** [בימי עזרא] **איז דאָך געווען בזמן הבית,** [און] **בזמן הבית זאָגט דאָך דער רמב"ם איז דאָך שנת היובל ׳נישט׳ עולה לכאן ולכאן, מוז איך דאָך ׳ציילן׳ יובלות** [כדי] **לקדש שמיטין** [בזמנם], **ממילא** [נמצא כי] **אַז מ׳האָט געמאַכט שמיטה איז דאָך שוין ממילא דאָ אַ זכר אויף יובל, וואָרן ס׳מוז דאָך זיין ׳מנו יובלות׳ לקדש שמיטין.**

**בשלמא אַז "שמיטה" ווען איך מאַך נישט, העט נישט געווען, איז נישטאָ קיין זכר נישט אויף שמיטה און נישט אויף יובל,** [והיה שייך לדון לעשות זכר ליובל]. **אָבער וויבאַלד איך זאָג שוין איין מאָל אַ זכר אויף שמיטה, איז דאָך שוין ממילא דאָ אַ זכר אויף יובל, וואָרן ס׳מוז דאָך זיין מנו יובלות לקדש שמיטין.**

**קט**

**בשלמא טאַקע נאָכ׳ן חורבן איז דאָך שנת היובל עולה לכאן ולכאן, דאַרף דאָך נישט צו זיין קיין מנו יובלות לקדש שמיטין, קאָן איך מאַכן שמיטה און** [אפילו] **ס׳איז נישטאָ קיין** [שנת] **יובל,** [אַזוי ווי] **היינט איז טאַקע נישטאָ קיין יובל** [כלל]. **אָבער דעמאָלטס** [היו "מונין" שנת יובל לקדש שמיטין בזמנם, ונמצא דכבר היה אז בזה גם זכר ליובל].

**קי**

**איי פאַרוואָס מ׳האָט נישט געמאַכט** [בזמן החורבן זכר ליובל. ווייל] **מ׳האָט נישט געמאַכט** [בכלל] **קיין פרישע תקנות** [בזמן החורבן].

[כי מה שנוהג שמיטה בזמן החורבן] **דאָס איז געווען אַ תקנה קדומה** [מימי עזרא], **דאָס**

---

[נ] והיינו ממה שנאמר וְזֶה דְּבַר "הַשְּׁמִטָּה שָׁמוֹט", בשתי שמיטות הכתוב מדבר. ועיין בלשון רבינו לעיל אות מו.

KolSatmar.com

האָט מען דעמאָלטס געמאַכט, און דעמאָלטס איז אַזוי געווען [שהיו גם מונין את שנת היובל]. אָבער [שמיטה] דאָס איז ׳פאַרבליבן׳ [פון דעמאָלטס], אַז מ׳האָט געמאַכט אַ תקנה [אַז] אפילו ווען ס׳איז נישט כל יושביה עליה, דאָך זאָל מען נוהג זיין שמיטה, [וממילא] איז געבליבן די תקנה פון שמיטה.

אָבער דער שנת היובל עולה לכאן ולכאן, זאָגט דאָך שוין דער רמב״ם אַז דאָס איז געווען [קבלה ביד הגאונים], איז דאָך די קבלה געווען אַז איך זאָג שוין [בזמן החורבן באופן אחר, דגם שנת החמישים עולה לחשבון שמיטות, וממילא] פאַלט אַוועק דער מנו יובלות, איז עס אַזוי געבליבן [דכהיום יש זכר לשמיטה ולא ליובל].

### קיא
### ישוב קושיא יב (אופן ב)

נאָר אין [בדרך] פשוט האָב איך געקלערט נאָך תירוצים [על קושית התוספות, אמאי לא תקנו זכר ליובל][נח].

### קיב
לשיטת רבי יוסי דלא שייך קדושת יובל בלא תקיעת שופר, לא רצו לתקן יובל מדרבנן משום גזירת שמא יעבירנו, דמה אם ביטלו תקיעת שופר דאורייתא בר״ה שחל בשבת משום גזירה זו, כל שכן שלא יתקנו מתחילה החכמים עצמן לתקוע שופר ביום הכפורים מדרבנן

[קודם] ווייל לויט רבי יוסי נאָך[נט], [שסובר כי] אַז מ׳בלאָזט נישט [קיין שופר בבית דין] איז נישט חל דער יובל, וועגן [דכתיב] יוֹבֵל הִיא[ס], ס׳מוז זיין [תקיעת שופר בבית דין]. אַז ס׳איז לֹא תָקְעוּ, איז נישטאָ דער יובל.

[והנה] די חכמינו ז״ל האָבן מבטל געווען תקיעת שופר [בשבת], מ׳האָט עס מבטל געווען [משום גזירה] שמא יעבירנו [ד׳ אמות ברשות הרבים][סא], אפילו ראש השנה [כשיש חיוב מן התורה על כל יחיד, מכל מקום בטלוהו] אַז ס׳געפאַלט אום שבת. זאָלן זיי נאָך גיין מאַכן אַ תקנה [בשנת יובל] אויף יום כפור אַז מ׳זאָל גיין תוקע זיין [בזמן הזה, כשכל היובל והשמיטה הוא רק מדרבנן] ?

[והלא בראש השנה] דאָרט האָט מען מבטל געווען תקיעת שופר ״דאורייתא״, זאָלן זיי נאָך גיין מאַכן אַ תקנה היצטערט [״מדרבנן״] אַז מ׳זאָל יאָ גיין [תוקע זיין שופר, ע״י שיתקנו יובל], וועגן ס׳קען דאָך נישט זיין [קיין שנת היובל] אָן די תקיעה [ביום הכיפורים][סב].

---

[נח] ועיין בדברי יואל על סוגיות הש״ס (אות יג-יז) עוד תירוצים על קושית התוספות. וע״ע בחידושי סוגיות בסוגיא דפרוזבול (אות יב).

[נט] בגמרא ראש השנה (ט:): תנו רבנן, יוֹבֵל הִיא (בהר כה, י), אף על פי שלא שמטו, אף על פי שלא תקעו. יכול אף על פי שלא שלחו, תלמוד לומר הִיא, דברי רבי יהודה. רבי יוסי אומר, יוֹבֵל הִיא, אף על פי שלא שמטו, אף על פי שלא שלחו, יכול אף על פי שלא תקעו, תלמוד לומר הִיא. ... אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן, זו דברי רבי יהודה ורבי יוסי, אבל חכמים אומרים שלשתן מעכבות בו וכו׳. [ועיין עוד שם].

והרמב״ם (שמיטה י, יג) פסק גם כן דתקיעת שופר מעכבת בו, וכדעת החכמים דשלשתן מעכבות.

[ס] ויובל פירושו שופר, וכמו שפירש״י (בהר שם): יוֹבֵל הִיא. שנה זאת מובדלת משאר שנים בנקיבת שם לה לבדה, ומה שמה, ״יובל״ שמה, על שם ״תקיעת שופר״. - וכן בפרשת יתרו (יט, יג) בפסוק בִּמְשֹׁךְ ״הַיֹּבֵל״, פירש״י, הוא שופר של איל, שכן בערביא קורין לְדִכְרָא יוֹבְלָא (ראש השנה כו.).

[סא] כמבואר בגמרא סוכה (מב:): אמאי [לא נוטלין לולב בשבת], טלטול בעלמא הוא ולידחי שבת, אמר רבה, גזרה שמא יטלנו בידו וילך אצל בקי ללמוד, ויעבירנו ארבע אמות ברשות הרבים. והיינו טעמא דשופר, והיינו טעמא דמגילה.

[סב] וגם מצות התקיעה ביום הכיפורים של יובל הוא חיוב על כל יחיד לשמוע קול שופר, כמו בראש השנה, וכמו שמבואר בגמרא (ראש השנה ל.) וברמב״ם (שמיטה ויובל י, י). ועל כן שפיר שייך בזה גזירת שמא יעבירנו.

KolSatmar.com

### קיג
ואפילו לשיטת רבי יהודה דשייך קדושת יובל אף בלא תקיעת שופר, מ"מ כיון שהיו רגילין לתקוע בכל הדורות ביום הכיפורים של יובל, חששו דילמא אתי למסרך 'לתקוע' גם ביובל דרבנן, ויעבירנו ד' אמות ברשות הרבים

און אפילו דער מאן דאמר [רבי יהודה] וואָס ער לערנט אַז אפילו אָן די תקיעה איז אויכעט [חל קדושת] יובל, קען מען זאָגן איז אפשר אויכעט אַ גזירה, ווייל מ'איז געוואוינט [על היובל אַז] ס'איז מיט די תקיעות, [על כן חששו שאם יתקנו קדושת יובל מדרבנן, שמא] וועט מען ווייטער קומען צו דעם [לתקוע ביום הכיפורים, ויעבירנו ד' אמות ברשות הרבים].

### קיד
### סיום ישוב קושיא יב (אופן א)

על כל פנים, - דאס דארף נאך אביסל ביאור [הדרך השני]. - [והדרך הראשון] דאָס איז דער עיקר [תירוץ], לויט דעם דרך [הראשון] האָט מען דאָך אינגאַנצן נאָר געמאַכט [התקנה] דעמאָלטס [בימי עזרא], און דעמאָלטס איז דאָך געווען אַ זכר ליובל, ווייל **מָנוּ יובלות לקדש שמיטין**, [ואחר כך שוב לא עשו תקנה חדשה כלל, ומתורץ קושית התוספות].

### קטו
### ישוב קושיא א

יעצט וועל איך צוקומען צו די **רש"י** [במסכת 'מלקות']. וואָס רש"י זאָגט אַז **פרוזבול איז 'איינס' מיט מוסר שטרותיו לבית דין.**

ס'דאַכט זיך מיר אַ סברא. דאַכט זיך מיר אַ סברא נכונה, אַ סברא אמיתית.

### קטז
בפסוק לא נאמר להדיא דמוסר שטרותיו לבית דין אינו משמט, אלא נאמר וַאֲשֶׁר יִהְיֶה "לְךָ" אֶת אָחִיךָ, ומזה דרשו לאפוקי כשעל הבית דין לתבוע החוב ולא עליך, וממילא נשמע מזה דין מוסר שטרותיו לבית דין

לעולם איז אַזוי:

דעס וואָס איך לערן אַרויס פונעם פסוק **אֲשֶׁר יִהְיֶה "לְךָ" אֶת אָחִיךָ תַּשְׁמֵט יָדֶךָ, אַז אַ מוסר שטרותיו לבית דין איז נישט משמט** (וכדלעיל אות לט), לכאורה דאָרט [בהפסוק] שטייט נישט געמאָלדן [הלימוד בלשון] מוסר שטרותיו לבית דין. [נאָר ס'שטייט] אֲשֶׁר יִהְיֶה "לְךָ", דאָס הייסט אַז ס'איז נאָך 'ביי דיר', אַז 'דו' ברויכסט [אַליין] נאָך עפּעס טון צו דעם [לתבוע החוב, אָז השביעית משמט], אַזוי טייטשן זיי, אַזוי זאָגן זיי דאָך פְּשַׁט אין די **ראשונים**[סג]. [וממילא מזה למדו] אַז ס'איז אָבער שוין **מוסר שטרותיו לבית דין**, האָט עס דער בית דין אין די האַנט, [ונמצא] דאַרפסטו שוין גאָרנישט טון, איז שוין נישט יִהְיֶה "לְךָ" אֶת אָחִיךָ, וואָרן דער "בית דין" טוט שוין אַלעס.

### קיז
ויש אחרונים שסוברין עוד יותר דמוסר שטרותיו "כגבוי" כבר דמי, מפאת הסברא דכל העומד לגבות כגבוי דמי

ס'איז דאָ דאַכט זיך מיר דער **חידושי הרי"ם**[סד] און נאָך אַנדערע[סה], [זיי] נעמען עס

---

[סג] **בפירוש המשניות להרמב"ם** (שביעית י, ה): ומוסר שטרותיו לבית דין לא יהיה נשמט חובו, שהכתוב אמר וַאֲשֶׁר יִהְיֶה "לְךָ" אֶת אָחִיךָ תַּשְׁמֵט יָדֶךָ, וזה כבר נתן יד בית דין כידו, בתביעת זה הממון, ונסתלק הוא מלתבוע אותו הממון והניח הדבר עליהם, ונעשה "לבית דין" זה החוב אצל אחיו.

[סד] **בחידושי הרי"ם על גיטין** (לו. ד"ה גמרא פרוזבול): וכן פירש"י פרק קמא דמכות דמוסר שטרותיו היינו פרוזבול, גם כן מתקנת הלל. ותוספות דחו דבריו, דבספרי יליף מאשר יהיה [לך] וכו'. ועוד דגם במשנה פליגינהו לתרי בבי, המלוה על המשכון והמוסר שטרותיו וכו', פרוזבול וכו', עיי"ש.

**גאָר אַריין** [דין דמוסר שטרותיו לבית דין] **אין די פלוגתא** (בגיטין לז. ועוד) **פון שטר העומד לגבות, צי איך זאָג העומד לגבות "כגבוי דמי"** [או לאו כגבוי דמי].

**ווייל** [אַז] **ס'איז ביים "בית דין", איז עס שוין עומד לגבות,** [ושייך הסברא] **צי ס'הייסט כגבוי דמי. אַזוי ווילן זיי עס גאָר אַרייננעמען, אַזוי זענען גאָר אַסאַך מפלפל אין דעם.**

**קיח**

ועל כל פנים בכל אופן הדין דמוסר שטרותיו, הוא מפאת שהבית דין הם הגובים

**אָבער על כל פנים דער טעם איז, ווייל אַז מ'גיט עס פאַר'ן בית דין, איז עס שוין אַזוי ווי כגבוי, ס'איז ביים 'בית דין' אין די הענט.** [או לפי פשטות דברי הראשונים, ווייל 'ער' [המלוה] **האָט שוין נישט וואָס צו טון** [דערצו].

**קיט**

וכל זה שייך כשיש מלכות ישראל ויד בית דין תקיפה לקנוס ולהעניש, ואז בטוחים שהם יגבו את חוב, אבל לאחר החורבן שנחלש כח בית דין, אפשר לומר דמסירת שטרותיו לבית דין כזה, לא מהני מן התורה שלא תשמט

**נו ס'שטייט דאָך אָבער** (דברים טז, יח) **שֹׁפְטִים "וְשֹׁטְרִים"** [תִּתֶּן לְךָ, ודרשו בספרי] **אם אֵין שוטרים אין שופטים, אַז ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל 'דורכפירן'** [דברי הדיין]**, אַז מ'האָט נישט** [דעם כח]**, אַז ס'איז נישט יָדֵינוּ תַּקִּיפָה מ'זאָל 'דורכפירן' די פְּסָקִים פונעם בית דין, איז נישטאָ קיין "כח בית דין".**

**נו מאן יימר לן אַז דעמאָלטס** [כשאין יד בית דין תקיפה] **האָט די תורה הקדושה** [אויך געזאָגט דעם דין פון מוסר שטרותיו לבית דין, אַז ס'איז נישט משמט].

---

ולע"ד דרש"י הוכרח לזה, דאם כן תמוה למה תיקן פרוזבול, ולמה היו עוברים על השמר כו', הא בלא שטר בלא זה שייך נעילת דלת, דיכול להבריח ולכפור, ובשטר יכול למסור לבית דין וכו'. ויש לתרץ קושיא הנ"ל, דהא טעמא דמוסר לבית דין מהני, יש לומר, דהא "שטר שיש בו אחריות" סבר רבי יוחנן לקמן (גיטין לז.) דמן התורה אינו משמט, דכגבוי. רק דחי [אח"כ ר' יוחנן עצמו], דלמא ברייתא בית שמאי הוא דשטר העומד לגבות כגבוי כו' עיי"ש, ולא לבית הלל. והנה תוספות סוטה (כה: ד"ה בית הלל) הקשו מהא דהמקבל ארעא דלגוביינא קאי כו', וחלקו דהשעבוד בספק כו', משא"כ התם דמודים גוף השיעבוד עיי"ש. ולענין שמיטה לכאורה דאין ספק, אם כן גם לבית הלל כגבוי דמי, ואמאי דחי רבי יוחנן. וצריך לומר כמו שכתב תוספות (שם ד"ה לאו) וחילק בין העומד לבצור כבצור וכהאי גונא, ועומד לגבות לאו כגבוי, שהרי צריך דיינין ולאו בידו, כדאמר בגר (קידושין סב:) מיי יימר דמזדקקי ליה בית דין, עיי"ש. אם כן מהאי טעמא גם בשמיטה לא הוה כגבוי. ואם כן מוסר שטרו לבית דין קודם שביעית, שפיר כגבוי, כיון שכבר נזדקקו מחויבין לגמור, דאין בית דין רשאין להסתלק כו', והוי כגבוי מן התורה, וחשיב של אחיך בידך, ושפיר יליף בספרי כנ"ל.

אך כשתקנו חכמים בטעין אשתבע לי, דלא גבי אלא בשבועה, וכן מלקוחות ויתומים בשבועה. אם כן שוב לאו כגבוי, דמי יימר דמשתבע כשיטעון אשתבע כו'. וכן כשיבריח וימכור לא יגבה אלא בשבועה כנ"ל. ושוב גם מוסר שטרותיו ממש לא מהני מן התורה רק מתקנת הלל, **ופירש רש"י שפיר כנ"ל.**

ומיושב **דהוצרך הלל לתקן פרוזבול**, דאי לאו הכי לא היה מהני גם **מוסר שטרותיו** כנ"ל. ותיקן ממילא בין מוסר [שטר הלואה] ממש, ובין כותב מוסרני לכם כנ"ל. ואתי שפיר דכייל במשנה משכון ומוסר ממש דהיה מהני מן התורה, ואחר כך **פרוזבול** אינו משמט זהו אחד כו', כשכותב שמוסר כנ"ל וכו'. גם אתי שפיר **שראה שנמנעו** מלהלוות כו', היינו אחר התקנה דשבועה כנ"ל. - [ועיין עוד **בחידושי הרי"ם** על מסכת מכות (ג:, ד"ה עוד נראה)].

[סה] עיין **בפני יהושע** (גיטין לו. ד"ה רש"י בד"ה רבא אמר): **ולכאורה יש לדקדק** [על תירוץ רבא דתקנת הלל הוא אף בשביעית דאורייתא, מטעם הפקר בית דין הפקר], דמאי מהני הפקר בית דין לענין איסור שביעית, דאטו מי עדיף הפקר בית דין מאילו נתן לו הלוה מדעתו, דאסור לקבל ממנו, כדאיתא לקמן להדיא דצריך לומר לו משמט אני, ואם אמר לו אף על פי כן, יקבל ממנו. ונראה דודאי עדיף הפקר בי"ד, שעשו כאילו אינו נותנו לו בפרעון חוב, אלא בתורת הפקר. ועוד יש לומר, דההיא דמחזיר חוב היינו דוקא כשמחזיר לו בסוף שביעית, משא"כ על ידי פרוזבול, **שמצד הפקר בית דין הוה ליה "כגבוי ועומד" משעת כתיבת הפרוזבול**, וק"ל.

ועיין עוד **שם** (לו. ד"ה תוספות בד"ה מי איכא): וכן הא דאמרינן (לו:) כגון בי דינא דרבי אמי ורבי אסי דאלימי לאפקועי ממונא, היינו דמדין תורה בעינן דוקא בית דין חשוב, דאז מיחשב כגבוי ועומד, משא"כ בבית דין שאינו חשוב. והאי אלימי לאפקועי ממונא לאו הפקעת ממון ממש קאמר, אלא לענין שהוא כגבוי ועומד.

KolSatmar.com

די תורה זאָגט [אַז ווען] מ׳גיט איבער פאַר׳ן בית דין [אינו משמט], פאַרוואָס, ווייל דעמאָלטס האָט ״ער״ שוין נישט וואָס צו טון. [ובשלמא] דאָס איז רעכט, ווען ס׳איז געווען ידינו תקיפה, **בזמן הבית**, אַז ס׳איז געווען מלכות ישראל על פי התורה, איז געווען [כך, כי] אַז מ׳האָט עס געגעבן פאַר׳ן בית דין איז עס געווען ביים ״בית דין״ אין די הענט.

**אָבער אחר החורבן**, ס׳האָט זיך אויפגעהערט [תוקף הכח בית דין]. דער בית דין האָט אין די הענט [להכריח רק באופן] אַז מ׳וויל נישט פאָלגן [בית דין] גיט מען אַ רשות מ׳זאָל גיין בערכאות [והם יכריחו], כ׳מיין האָט מען דיך אין הענט [שעי״ז יראים מהבית דין. אבל אין זה דומה לזמן שהכח בית דין יפה בעצם, וברשותם לקנוס ולהעניש בעצמם את העוברים].

נו וואָס הייסט דו האָסט איבערגעגעבן [שטרות לבית דין], איז עס שוין נישט ״לְךָ״? ווייל ס׳איז נישט אין די הענט [שלך] מער? האָסט געגעבן פאַר׳ן בית דין איז שוין ערלעדיגט? האָסטו שוין ערלעדיגט [בזה מצדך]? דער בית דין, נו וואָס איז דען [במה שמסרת לידם, והלא] ס׳איז דאָך נישט ידינו תקיפה.

קכ

ולפי זה י״ל דדברי המשנה והברייתא שלמדו דין מוסר שטרותיו מן הפסוק וַאֲשֶׁר יִהְיֶה ״לְךָ״, זה מיירי בזמן הבית כשידינו תקיפה שאז מן התורה אינו משמט. אבל בזמן החורבן לא נלמד זה מן הפסוק, רק הוא תקנת חכמים שלא תשמט, כי נכלל זה בתקנת ״פרוזבול״ שכולו בנוי על הדין של מוסר שטרותיו לבית דין

דאָס קען זיין.

**דעס וואָס די גמרא זאָגט, די משנה זאָגט** אַז דאָס איז געדרינגען [פון אֲשֶׁר] יִהְיֶה ״לְךָ״ [אֶת אָחִיךָ תַּשְׁמֵט יָדֶךָ], אַז נישט מוסר שטרותיו לבית דין, שמועסט דאָך די משנה פונעם פסוק, [פון] **שמיטה דאורייתא**, אַזוי ווי **בזמן הבית** ווען שמיטה איז דאורייתא, ווען ס׳איז געווען בזמן הבית **כל יושביה עליה**, און ס׳איז געווען **מלכות ישראל כדת**, דעמאָלטס איז מוסר שטרותיו טאַקע [אַ] **דאורייתא** [דאינו משמט].

אָבער היצט איז אָבער **נאָכ׳ן חורבן**, איז רש״י׳ן נישט געפעלן [לומר דמה דאינו משמט הוא מדאורייתא, כי מסברא] וואָס הייסט עפּעס [אַז ער איז] מוסר שטרותיו לבית דין? ׳וואָס׳ האָט מען געגעבן? דאָס ׳בית דין אַליין׳ האָט אויך נישט מער כח, [וְהַמַּלְוֶה] ״ער״ מוז זיך ווייטער נאָך אומקוקן וואו ער האַלט, צי פאָלגט מען דאָס בית דין, ס׳ליגט ווייטער [תביעת החוב על המלוה].

נאָר וואָס׳זשע דען, מ׳האָט דאָך אָבער געמאַכט אַ [תקנת] **פרוזבול**, איז על כל פנים ליגט עס אין די תקנה פון **פרוזבול** [דמי שמוסר שטרותיו לבית דין אינו משמט מדרבנן, גם בזמן הזה שאין ידינו תקיפה. כי הלא כל ענין של פרוזבול בנוי על הלימוד דהמוסר שטרותיו לבית דין אינו משמט].

קכא

ודברי רש״י במסכת מכות קאי לפרש מימרא דרב יהודה אמר שמואל, ושמואל כבר היה לאחר החורבן, ולכן שפיר כתב רש״י דמוסר שטרותיו לבית דין הוא פרוזבול שתיקן הלל, כי בזמן הזה הכל הוא רק מדרבנן מכלל תקנת הפרוזבול

[און] **דעס וואָס ״רש״י״ זאָגט** [דמוסר שטרותיו לבית דין הוא פרוזבול שתיקן הלל], דאָס איז דאָך בימי שמואל[51], [דקאי שם על הגמרא] **אמר רב יהודה אמר שמואל המלוה את**

---

[51] חורבן בית המקדש השני היה בשנת ג׳ אלפים תתכ״ח, וחתימת המשנה היה בשנת ג׳ אלפים תתקמ״ח. והאמורא שמואל היה בדור הראשון של האמוראים, והוא נולד בערך בשנת ג׳ אלפים תתקכ״ה, ונפטר בשנת ד׳ אלפים י״ג.

KolSatmar.com

חבירו לעשר שנים, ס׳איז אַ מימרא פון רב יהודה אמר שמואל, [וואָס] דאָס איז שוין געווען **בזמן החורבן**, [און] ׳דעמאָלטס׳ דער **מוסר שטרותיו לבית דין** - זאָגט ער [ברש״י] - דעס ליגט שוין נאָר אין די תקנה פון **פרוזבול**.

**איי אין די משנה** שטייט עס אַן עקסטערע משנה [הדין דמוסר שטרותיו, מהדין דפרוזבול, און] ס׳איז דאָ אַ סיוע פונעם פסוק [על מוסר שטרותיו]. דעס שמועסט זיך **בזמן הבית**[סז] [כשיד בית דין תקיפה, ואז מוסר שטרותיו הוא מדאורייתא, ופרוזבול רק מדרבנן].

### קכב
### ישוב קושיא ח

ובזה ניחא נמי האיך רצה שמואל לבטל דין פרוזבול, והלא זה בנוי על דין מוסר שטרותיו הנלמד מפסוק שבתורה דאינו משמט. אבל לדרכינו אתי שפיר, כי בזמן החורבן גם דין מוסר שטרותיו אינו מן התורה, רק מכלל תקנת פרוזבול

דעס זאָגט **שמואל** [האי פרוזבלא ״עולבנא דדייני״ הוא, אי איישר חילי אבטליניה].

[דהנה] לכאורה [קשה על שמואל], ער האָט דאָ געוואָלט מבטל זיין דעם פרוזבול, [והלא] ס׳האָט דאָך אַ מקור אין די תורה [בפסוק וַאֲשֶׁר יִהְיֶה ״לְךָ״, כי ענין הפרוזבול כשכותב מוסרני לכם [הדיינין], איז דאָך עס מאַכט מען דאָך [עס] אַזוי ווי מוסר שטרותיו לבית דין. [ואם כן למה יאמר דאי איישר חיל אבטלינה].

זאָגט ער אָבער ניין, דאָס איז רעכט ווילאַנג ס׳איז געווען אַ בית דין, אָבער אחר החורבן [שנעשה דור ״חצוף״, לא מועיל מסירת השטר לבית דין. ולכן הקדים לזה ענין ״עולבנא״ דדייני].

### קכג

אמנם אלמלי לא היה מדת חציפות בהדור, והיו הכל נשמעים לקול בית דין, היה נוהג גם בזמן הזה הדין דמוסר שטרותיו ״מן התורה״. ורק משום שהדור חצוף הוא רק מדרבנן

[דהנה] לעולם איז אַזוי, ווען ס׳העט נישט געווען קיין ׳**חציפות**׳ [בהדור], מ׳העט געוואוסט מ׳דאַרף פאָלגן אַ בית דין, איז נאָכ׳ן חורבן אויכעט גענוג [דער] מוסר שטרותיו לבית דין [שלא תשמט, ואף מכח הדאורייתא], אַזוי ווי פריער.

נאָר ס׳איז דאָך אָבער אַ דוֹר פְּרוּץ, ס׳איז אָבער דאָ **חוצפה** אין דור, מ׳פאָלגט נישט דאָס בית דין. [וממילא] אַז מ׳פאָלגט נישט דאָס בית דין, [אם כן] וואָס איז [מועיל] מוסר שטרותיו לבית דין, איז דאָך עס נאָר אַ [תקנת] **פרוזבול**. [ואם כן] אַז ס׳איז נאָר אַ פרוזבול, נו אַ פרוזבול [בלבד] איז אים נישט געפעלן, [ולכן אמר] **אי איישר חילי אבטליניה**.

### קכד

ומה שאמר שמואל האי פרוזבולא ״עולבנא״ דדייני הוא, לא היה כוונתו על ״הדיינים״, רק על ״הדור״, דיען שהם חצופים ומזלזלים בדיינים, על כן נמצא דכל הדין של מוסר שטרותיו אינו מן התורה, ולכן אמר דאי איישר חיל אבטליניה

איבערדעם האָט ער געזאָגט ס׳איז ״**עולבנא**״ **דדייני**, ס׳איז לשון ״חוצפה״, נישט חלילה אויף די ׳דיינים׳ האָט ער געזאָגט חוצפה, [נאָר] אויפן ״דור״ האָט ער געזאָגט, אַז אין ״דור״ איז [דאָ] **עולבנא דדייני**, [און] אַז ס׳איז עולבנא דדייני ס׳איז אַ דוֹר חָצוּף וואָס מ׳פאָלגט נישט דאָס בית דין, נו איז דאָך עס נישט קיין [עכטער] **מוֹסֵר**

---

[סז] כי רבינו הקדוש שסידר המשניות בדור שלאחר חורבן הבית, היה ממה שלמדו עד אותו זמן בעל פה, והמשניות היו סדורים בידם עוד מלפני החורבן, וכמו שמצינו במסכת יומא ומסכת מדות דמיירי מסדר העבודה בבית שני דייקא (ולא מבית ראשון).

**שטרותיו לבית דין. וואָס איז דען דער פרוזבול? אַז מ׳זאָגט מוסרני לכם הדיינים. נו הכלל, האָט מען איבערגעגעבן פאַר די דיינים, ס׳איז דאָך אָבער חוצפה דאָ אין דור, אַז מ׳הערט נישט** [צו׳] **דאָס בית דין, איז דאָך עס נאָר מדרבנן,** [אַלץ] **פרוזבול** [בלבד]**, דאָס איז אים נישט געפעלן, האָט ער געזאָגט אי איישר חילי אבטליניה. אָבער נישט חס ושלום אויף די דיינים** [אמר כן]. (ראה עוד להלן אות רעד-רעה)

## קכה
### ישוב קושיא ט

ושפיר שייך להביא לזה דברי הברייתא בענין הנעלבים ואינם עולבים, כי לדברי שמואל נמצא כי בעוה״ר הדיינים הם בגדר נעלבים מאנשי הדור. וגם הם אינם עולבים, כי אף שראוי להם למחות על כבודם משום כבוד בי דינא וכבוד התורה, אבל יען שיש כ״כ הרבה עולבים אי אפשר לבית דין להשפיל את כחם ככל הצורך

**איבערדעם ברענגט ער דאָ צו דערנאָך, די ברייתא** [פון] **הנעלבין ואינן עולבים.** [כי שמואל הזכיר] **אַז ס׳איז אַ דור חצוף,** [ונמצא] **אַז דאָס בית דין זענען ׳נעלבין׳.**

[והא דאמר שהם אינם ׳עולבים׳, אף דלכאורה היה להם לעלוב את הַחֲצוּפִים כדי לתבוע כבוד בי דינא]. **וואָרן מ׳קען נישט אַזויפיל ׳עוֹלֵב׳ זיין וויפיל** [דער] **׳נֶעֱלָבִים׳ איז, וואָרן ס׳איז גאָרנישט מעגליך מ׳זאָל** [אַזויפיל להשפיל כחם]**, ס׳זאָל זיין זה לעומת זה**[סח].

## קכו
### ישוב קושיא י

לעתיד נאמר לֹא יִהְיֶה לָּךְ עוֹד הַשֶּׁמֶשׁ לְאוֹר יוֹמָם, ומפרש **האברבנאל** דהכוונה שאז לא יהיה עוד ההנהגה בדרך הטבע, שהוא תחת מערכת צבא השמים

**איבערדעם ברענגט ער דאָס צו** [מן הפסוק] **וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ.**

[דהנה] **ער זאָגט, דער אברבנאל זאָגט**[סט]**, ס׳שטייט** (ישעי׳ ס, יט) **לֹא יִהְיֶה לָּךְ עוֹד הַשֶּׁמֶשׁ לְאוֹר** [יוֹמָם וגו׳]**, נאָר כִּי ה׳ וועט זיין לְאוֹרֵךְ.**

---

[סח] **והיינו כי באמת אצל ״בית דין״ אין מעלה להיות מן הנעלבים, משום זילותא דבי דינא וכבוד התורה. אבל הוא רומז על המציאות שאין בכוחם למחות נגד זה, ובעל כרחם הם מן הנעלבים ואינם עולבים.**

[סט] **בפירושו מעיני הישועה על ספר דניאל** (מעין יב, שער ב, תמר ח) **האריך האברבנאל לבאר החילוקים שבין בני ישראל המושגחים מהשי״ת ובין אומות העולם שמונהגים על ידי מערכת השמים.**

**ובתוך הדברים כתב שם וז״ל: ההשפעה ויציאת הדברים לפועל בערך כל האומות זולת ישראל, היא באמת בהחלט אל הכוכבים וְגַרְמִים שָׁמַיְמִיִּים. אבל בערך ישראל אין הדבר כן, כי עם היות ׳הכח וההכנה׳, ובכלל ׳הוראת׳ המקרים מפאת השמים, לא יושפע ׳פועל׳ ההכנות ההם רק מהשי״ת יתברך סיבת הסבות בלבד. והסיבה היא, שנפשות האומות כולם מונהגים ממערכות השמים, רוצה לומר מנפשות הגלגלים והכוכבים, כמו שגופותם מונהגים ומושגחים מגופות הגרמים השמימיים, עד שמפני זה נעזבו לעבוד למלאכת השמים, להיות החלק הנפשיי מהם מושפע מִשָּׂרֵי מעלה וכו׳. אבל האומה הישראלית להיות החלק הנפשיי בהם מִפְּאַת הַתּוֹרָה מיוחד להנהגה אלקית, כמו שכתוב לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹקִים** (שלח טו, מא. ועוד)**, וְאֶתְכֶם לָקַח ה׳** (ואתחנן ד, כ)**, עד שהם לבדם נתחייבו בעשיית המצוה, ונאסרה עליהם עבודה זרה ומלאכת השמים ושום נברא בלתי לה׳ לבדו, לכן יְיַחֵד פּוֹעַל מִקְרֵיהֶם לטוב ולרע מההשגחה האלקית בלבד. כי ישראל משותפים לאומות בענין הכח ובפועל הגופני, אמנם בחלק הנפשיי הם מובדלים מהאומות, כי בישראל הוא יתעלה, ובאומות נפשות הגרמים השמימיים וכו׳.**

**וכל זה רָמַז ישעיהו הנביא** (כד, כג) **באמרו וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וּבוֹשָׁה הַחַמָּה וגו׳, ואמר אחר כך** (ל, כו) **וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה וגו׳, ואמר גם כן** (ס, יט) **לֹא יִהְיֶה לָּךְ עוֹד הַשֶּׁמֶשׁ לְאוֹר יוֹמָם וגו׳. והפסוקים האלה יראה בתחלת המחשבה שהם סותרים זה את זה. אבל עם ההתבוננות הטוב, כולם מְכֻוָּנִים לתכלית אחד כמו שאמרתי, כי בראשונה אמר הנביא** [וחפרה הלבנה ובושה החמה]**, שכאשר יורו הכוכבים רעה על ישראל והשי״ת מבטלה, הנה הלבנה והחמה יבושו ויכלמו. והפסוק הב׳** [והיה אור הלבנה כאור החמה] **אמר על הוראת הכוכבים שתהיה טובה על ישראל, כי אז בהיותם צדיקים תצא לפועל, אבל יהיה שבעתים הטובה והמציאות ממה שהיתה ההוראה, והוא אמרו וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה וגו׳. וענין ה׳אור׳ מָשָׁל ל׳טובה׳ אשר יורו הגרמים השמימיים וכוכביהם**

**זאָגט ער, די גאולה וועט זיין - זאָגט ער - נישט מיטן 'דרך הטבע', נישט מיט די מַעֲרֶכֶת הַשָּׁמַיִם,** [נאָר] **'חוץ לדרך הטבע', פון הקדוש ברוך הוא אַליין.**

**און דער שֶׁמֶשׁ איז דאָך דער "ראש" פון אַלע מַעֲרֶכֶת הַשָּׁמַיִם,** [ולזה אמר הכתוב] **ס'וועט נישט זיין קיין כח השמש, קל וחומר** [על שאר צבא השמים, אַז] **דעמאָלטס וועט נישט זיין** [הנהגת העולם על פי מערכתם]**, דער גאַנצער אור פון די גאולה, דעס וועט 'גאָרנישט' זיין מיטן 'דרך הטבע'**[ע].

**זיי ברענגן דאָך** [אַז] **דער אברבנאל טייטשט אַזוי.**

**קכז**

ולפי זה רומז הברייתא כאן, דרק כל זמן שהילוך ויציאת השמש הוא בתוקפו וגבורתו, והכל מתנהג בטבע, אז יש המציאות של נעלבים ואינם עולבים, משא"כ לעתיד

**איבערדעם זאָגט ער** [בגמרא]**, אַז די הנעלבין ואינן עולבין, אַז ס'איז עולבנא דדייני, דאָס איז אֹהֲבָיו, דאָס איז כְּצֵאת "הַשֶּׁמֶשׁ" בִּגְבֻרָתוֹ, ווען ס'איז נאָך אינגאַנצן כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ "בִּגְבֻרָתוֹ", אַלדינגס גייט נאָך אַזוי** [בתוקפו] **מיטן דרך הטבע** [שהוא תחת מערכת השמש]**, אַז ס'ווערט נאָך אַזוי געפירט** [די וועלט] **מיט הַסְתָּרַת פָּנִים,** [לכן] **איז דאָ גרויס חוצפה אין דור, איז פאַרהאַנדן** [דער] **נעלבין ואינן עולבין.**

**איבערדעם דאָס איז דאָס ענין, דאָס ענין וואָס ער ברענגט צו** [לכאן, דעם פסוק] **וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ.**

**רעד**

## דברים שעמדו על הפרק

בחיזוק הבית דין של העדה החרדית

[און] **אַזוי ווי כ'האָב פריער געזאָגט** (באות קכד)**, איך האָב דאָס געזאָגט ביים אָנהייב** [דרוש, בסוף הפלפול בסוגיא דפרוזבול]**, כ'האָב דאָ אָנגעהויבן מיט די גמרא** [בגיטין לו:]**, - ס'איז אין דרך דרוש, ס'איז אין דרך פלפול, אָבער ס'איז אַזוי דער אמת, -** [בהא דאמר שמואל האי פרוזבולא] **עולבנא דדייני, אַזוי איז עס, אַז היינט** [בזמן החורבן] **איז דער פרוזבול**

---

המאירים. [ו]לפי 'שפועל' הטובה והגאולה לישראל הוא הסיבה הראשונה יתברך, ואין השמים פועלים, אף שיורו עליה, לכן אמר **לֹא יִהְיֶה לָּךְ עוֹד הַשֶּׁמֶשׁ וגו'**, והוא דִּבּוּר הַמְּשָׁלִי שטובותם והצלחתם לא יהיה מפועל השמים, **כִּי ה' יִהְיֶה לָהֶם לְאוֹר**, ומאתו יהיה טובותיהם. ומפני זה, עם היות שהשמים יתנועעו תמיד, ואחרי הוראות טובות יורו כפי מצביהם רעות, לא יהיה כן לישראל, כי יהיו טובותיהם מַתְמִידוֹת נצח נצחים, מפני ההשגחה האלקית, והוא אָמְרוֹ (שם, כ) **לֹא יָבוֹא עוֹד שִׁמְשֵׁךְ וגו'**.

[ע] וז"ל רבינו בס"ג **אמור תשי"ג** (לשו"ק ס, אות לב): **לעולם דער אברבנאל זאָגט, ס'שטייט אַז לעתיד לֹא יִהְיֶה לָּךְ הַשֶּׁמֶשׁ לְאוֹר וגו' כִּי ה' יִהְיֶה לְאוֹרֵךְ, נישט דער שֶׁמֶשׁ, נאָר השי"ת וועט לייכטן פאַר אידן,** [ומשמע שאור השמש יתבטל לגמרי]. **איי און ווייטער** [=במקום אחר] **שטייט וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וּבוֹשָׁה הַחַמָּה** [דמשמע שאור החמה והלבנה יתקיים, רק שיתביישו].

נאָר דער **אברבנאל** זאָגט, אַלע טבעיים ווערן דאָך מתנהג דורך די כוכבים ומזלות, און דער ראש פון די כוכבים ומזלות איז דאָך דער זון, דער שֶׁמֶשׁ, זאָגט ער, לעתיד די גאולה העתידה וועט זיין אַרויס פון דער טבע, די גאולה העתידה וואָס אונז האָף מיר וועט זיין אַרויס פון אַלע טבעיות, ס'וועט נישט זיין געפירט דורכן התנהגות הטבעיות, איבערדעם **לֹא יִהְיֶה לָּךְ הַשֶּׁמֶשׁ לְאוֹר** [וגו' וְהָיָה לָךְ ה' לְאוֹר] **עוֹלָם**, נישט דורך דער זון, ס'וועט נישט זיין גאָרנישט פון די [השפעת] כוכבים ומזלות, נאָר **כִּי ה' יִהְיֶה לְאוֹרֵךְ**, נאָר א השפעה פון הקדוש ברוך הוא.

ווייל ס'איז [אַ] דור חצוף, דאָס איז **עולבנא דדייני**, [ווייל] **מ'פאָלגט נישט די בתי דינים.**

**רעה**

**נאָר וואָס דען, דאָהי** [יש לומר עוד פירוש חדש, כדלהלן].

[דהנה] **איך האָב פריער דערמאַנט** [לפרש] **אַז באמת שמואל האָט עס געזאָגט אויפן "דור"** [ולא על הדיינים. כי הלשון] **עולבנא "דדייני" איז דאָך שווער צו זאָגן, אַז ער זאָל זאָגן** [לשון] **חציפות אויפן "בית דין". האָב איך געזאָגט זייער גוט, דער פְּשַׁט איז אויפן "דור".**

**נאָר היינט** [בדורינו עתה], **היינט קען מען זען, ס'קען פְּשַׁט זיין** [גם על הדיינים], **ס'קאָן טאַקע זיין עולבנא "דדייני", ס'קאָן זיין** [שיאמר לשון] **חציפות אויפן "בית דין", ס'קאָן זיין "אַזאַ בית דין",** [שהרי כהיום מצינו] **מ'שטעלט אויף 'אַזעלכע בתי דינים' וואָס ס'איז טאַקע "עולבנא דדייני", דאָס איז אויך דאָ היינט.** [וממילא] **היינט קאָן עס טייטש זיין אין פָּשׁוּט אויכעט.**

**רעו**

**אַזוי ווי ס'איז היצט אויפגעשטאַנען בעוונינו הרבים,** [שהעמידו] **אפילו** [בתי דינים כאלו שהם] **דאָרטן וואו די 'השפעות' די 'מקורות' קומען פון די כוחות הטומאה,** [שהם נתמכים ונחזקים ממקורות הרשעים הציונים].

**ווי כ'האָב פריער געזאָגט** (באות קלט) **דעם אור החיים הקדוש** [בפסוק] **צֹרְרִים הֵם לָכֶם,** [אַז] **פון דעם עֵץ מַאֲכָל אפילו,** [וואָס קומט] **פון די וואָס זענען צֹרְרִים בְּנִכְלֵיהֶם, וואָס זענען מַחֲטִיא את ישראל, דעס וואָס ס'קומט פון דעם מקור, איז "כח הפועל בנפעל".**

[ועל כן] **די אַלע מקורים, דעס וואָס ס'קומט פון 'זייערע' מְקוֹרִים, צי "קהילות", צי איז עס "בתי דינים", צי איז עס "בתי חינוך", דעס וואָס ס'קומט פון 'זייערע' מְקוֹרִים, איז לֹא יִמָּלֵט** [אַז מ'זאָל נישט אַריינפאַלן בכחות הטומאה רח"ל].

**איך לאָז מיך נישט היצט אַריין אין קיין פרטיות** [לפרט על מי הכוונה], **נאָר דוֹק וְתִשְׁכַּח, "אַלעס" וואָס ס'קומט פון 'זייערע' מקורים, איז נישט פאַרהאַנדן אַז מ'זאָל נישט אַריינפאַלן, ס'זאָל נישט מַחֲטִיא זיין דאָס דוֹר.**

**רעז**

[ולעומת זה בענין "העדה החרדית" שמתנזרים מהציונים, וממקור קדוש יהלכון]. **איך דאַרף נישט צו זאָגן נאָכאַמאָל** [שצריך לתמוך בהם ולחזקם, ווי] **איך האָב שוין געשריבן**[עא] **וועגן**

---

[עא] בימים ההם **בשנת תשי"ט** היתה תקופה אשר אנשי המפלגות עשו כמה תחבולות ללחום נגד העדה החרדית ובית דינה, וגם יסדו להם לעצמם "וועד הרבנים", ורבני העדה החרדית אסרו להשתמש בהכשר שלהם, ומאז יצאו הללו בפומבי לבזות ולהשפיל את כבוד הביד"צ דעדה החרדית, ורבינו יצא למחות על כבודם וללחום נגד החותרים תחת הסמכות של הביד"צ דעדה החרדית, וביום ז' **טבת תשי"ט** ערך רבינו מכתב לחזק את ידי העדה החרדית והביד"צ שבראשם.

המכתב נדפס 'בשעתו' בגליון **משמרת חומותינו** (תשי"ט גליון יג, פ' שמות). ובהמשך הזמן נדפס אח"כ **בדברי יואל מכתבים** (ח"א, מכתב קטז). וזל"ק של רבינו במכתבו:

מועדי ה' הנועדים אל ה' ולתורתו הקדושה לעמוד בכובד הנסיונות נגד תוקף זרם המינות, המושכים בחבלי שוא ושקר העוונות, ובעבותות העגלה השגגה והזדונות, לתפוס ברשתם הטומנים במטמונות, השי"ת יעזרינו לילך בדרכי חז"ל בדורות הראשונות, דברי חכמים כדרבונות, ויתברכו העדה קדושה,

**דעם, מ׳קען זאָגן דאָ אָט** [בירושלים עיר הקודש]**, דאָ אָט, דאָהי, די איינציגע קהילה איז די עדה החרדית, וואָס זענען נישט פון ׳זייער׳ מקור,** [נאָר] **ס׳איז אַ מקור קדוש.**

**איז מען דאָס מחויב מחזיק צו זיין, דאָס אויפצוהאַלטן, די ״עדה״, און די בתי דינים, דעם ״בית דין״ שבראשם, מ׳זאָל ציית זיין** [לדינם והוראתם, כדי] **ס׳זאָל ״נישט״ זיין קיין עולבנא דדייני.**

– (ובדרך צחות:) **פונדעסטוועגן אַ פרוזבול וועט מען מאַכן**[עב]**, כאָטשיג שמואל האָט דאָך אַזוי געזאָגט.** –

**אָבער על כל פנים, דעם ענין וואָס מ׳ברויך דאָ מחזיק צו זיין,** [מוטל על כל אחד לתמוך ולהחזיק בזה].

---

חסידא ופרישא, ההולכת בדרך שניתן לה למורשה, ״העדה החרדית״ שבקרתא קדישא, ובראשם הגאונים והצדיקים בית דין צדק העומדים בפרץ, יגדל כסאם בארץ, עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו בב״א.

אחדשת״ה באהבה רבה, כמשפטי ליראי ה׳ ולחושבי שמו. הגיעני הדילוג רב [=טעלעגראם] אשר בו ראיתי גודל צערכם במה שהתנפלו עליכם לבזות העדה והבי״ד בחוצפה יתירה ולבוא עליה במחתרת, צר לי מאוד על מעשיהם של אלו.

והאמת הברור הוא שהביד״צ שבהעדה החרדית עם עדתם, המה הבית דין היחידי בעיר הקודש ירושלים **שאינם עומדם תחת השפעתם של הציונים למיניהם**, מינים ממינים שונים, ולכן לא שינו את טעמם מהיסודות העיקריים שהעמידו הגדולים בדורות שלפנינו שיסדו אותם. וכל המקבלים ממגבית המינים וחולקים עמהם, נגררים אחריהם בעיקרי הדברים הנוגעים לחיזוק דת תורתינו הקדושה, ועדות התורה הקדושה בודאי ברורה שאמר הכתוב (דברים טז, יט) כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים.

**ובגמרא כתובות דף ק״ה ע״א אמרו, בא וראה סמיות עיניהם של מקבלי שוחד, אדם חש בעיניו, נותן ממון לרופא**, ספק מתרפא ספק אינו מתרפא, והן נוטלין שוה פרוטה ומסמין עיניהם. עוד אמרו שם ע״ב, מאי ״שוחד״, שהוא חד, ופירש רש״י ז״ל הנותן והמקבל נעשים לב אחד. ומבואר בזה שאף שמשתנים במראיהם וצורתם אבל לבם לב אחד להם, מחמת שמקבלים מהם. והכתוב צווח (משלי כט, כד) חולק עם גנב שונא נפשו אָלָה ישמע ולא יגיד, ובמדרש רבה סוף פרשת ויקרא (ו, ב) על הכתוב ושמעה קול אָלָה, הביא עוד מעשה לזה משלטון שהיה הורג את הקבלנים ומתיר את הגנבים, והיו הכל מליזים עליו שאינו עושה כראוי, ועיין שם שהאריך מה שעשה להראות לכל העם שכן הוא האמת, וסיים שאין הכל אלא מן הקבלנים.

ואם אמרו חז״ל על קבלת שוחד של שוה פרוטה שנעשה לו על ידי כן ״לב אחד״ עם הנותן, קל וחומר בכל אלו המפלגות שכולם ״מקבלים״, וכל עיקר חיותם וקיומם הוא מהתמיכה שמקבלים מקופות המינים, ומשתתפים בכל מיני מגביות ממון וכבוד מלכות הזדון רח״ל, שלפי עדות התורה הקדושה וחכז״ל לבם אחד. ועוד מוסיפים פשע לבוא במחתרת על ״העדה החרדית״, שהיא השריד הנשאר לנו שאינו מושפע מדעת המינים, כפי היסוד שנתייסד מדעת הגדולים שבדור שלפנינו, וכל הבא במחתרת הזה וכל המסייע להם בסיוע כל דהו, עתידים ליתן את הדין.

ואת אחי אני מבקש, מי בכם יראי ה׳ לא יחריש כבלע את הקודש, היא העדה החרדית הקדושה וביד״צ שבראשם, ובכל דבר הנוגע לחיזוק הדת גם בכל עניני כשרות לא יקחו לביתם אלא ממה שהוא תחת השגחת הבד״צ שבהעדה החרדית, ואקוה בעזה״י שיקויים בהם הכתוב (ישעי׳ נד, יז) כל כלי יוצר עליך לא יוצלח וכל לשון תקום אתך למשפט תרשיעי.

הרחמן הוא ית״ש יחיש לנו ישועתו בקרוב, ויגאלינו מגלות המר והנמהר, וישמח לבבינו במהרה בישועת כל ישראל ושמחתן. אלה דברי הכותב וחותם בלב נשבר ונדכה, ולישועת ה׳ מחכה, ה׳ לסדר להחיות לכם לפליטה גדולה (ויגש) תשי״ט לפ״ק, פה ברוקלין יצ״ו. (חתימת יד קדשו).

[ועיין עוד **בדברי יואל מכתבים** (שם, מכתב קה) מה שכתב רבינו מכתב כיוצא בזה עוד **בשנת תשי״ב**. גם יש לציין כי אחר דרשה זו באותה תקופה ששהה רבינו בעיר הקודש בשנת תשי״ט, כתב רבינו עוד מכתב ביום ז׳ **אב תשי״ט**, בשבח העדה החרדית ומוסדות היראים באה״ק, וכנדפס **שם** (מכתב מח). וכן הזכיר מענין זה בחודש **אלול תשי״ט**, בקריאת השנה לקראת ר״ה שנת תש״כ (שם, מכתב קח)].

[עב] בערב ראש השנה הבאה. כי שנת תשי״ט היה שנת השמיטה, ובערב ראש השנה תש״כ עשו פרוזבול. [ולכן בנה רבינו את הפלפול על **סוגיא דפרוזבול**, **ושביעית בזמן הזה**, שזה היה אז דבר בעתו. והוא המשך ללימוד הישיבה **בחורף תשי״ט** בסוגיא זו. וכן בשנת **תשי״ב** ושנת **תשכ״ו**, שהיו שנת השמיטה, היה לימוד הסוגיא בישיבה בסוגיא דפרוזבול. וחידושי רבינו בעת הלימודים בישיבה נדפסו בספר **חידושי סוגיות** (קונטרס חמישי, סוגיא דפרוזבול) **ובדברי יואל** על סוגיות הש״ס].

KolSatmar.com

רפד

# סיום הדרשה - וברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל טאַקע העלפן:

קודם זאָל מיר האָבן סייעתא דשמיא מ׳זאָל קאָנען עומד בנסיון זיין, מ׳זאָל מיר זיך **האַלטן אין דרך האמת.**

מ׳זאָל וויסן ׳וואָס׳ מ׳ברויך צו ״זאָגן״, וואָס מ׳ברויך צו ״טון״, וויאַזוי מ׳ברויך זיך צו ״פירן״[עג].

און מ׳זאָל מיר די זכיה האָבן אַז ווען מ׳וועט זוכה זיין אַקעגן צו גיין מָשִׁיחַ׳ן, **זאָל מיר די זכיה האָבן, מ׳זאָל קאָנען ווייזן פאַר׳ן מלך המשיח: ״דאָס זענען אידן וואָס האָבן דיר צוגעהאָלפן ׳מְמַהֵר׳ צו זיין די גאולה״!**

**אוי וויי! ווי ביטער ווי אַ גאַל איז, אַז מ׳וועט חלילה קוקן** [דאָס זענען] **די אידן וואָס זיי האָבן ׳מְעַכֵּב׳ געווען די גאולה!**

**הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ מ׳זאָל נישט קיין חלק האָבן אין דעם!**

ווען מ׳וועט זוכה זיין **לִמְבַשְּׂרָא גְּאוּלָה**, זאָל מיר זיין פון די [שנאמר עליהם, לָכֵן אֱמֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל] **אֲנִי ה׳** [המסייעם להיות עומד בנסיון ולנצח על מלאכת ה׳] (וכבחינה דלעיל אות רעג).

**אַז השי״ת זאָל העלפן מ׳זאָל זוכה זיין אים צו דינען בנחת ובשמחה, ובלב טהור.**

מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו זען די גאולה שלימה.

**דער בורא כל עולמים זאָל אָפּהיטן אידן בכל מקומות מושבותם מכל צרה וצוקה, ס׳זאָל נישט חלילה שאַדטן די אַלע ביטערע חטאים, דער עֲוֹן הדור.**

השם יתברך ירחם על עמו ישראל, אונז זאָל מיר ניצול ווערן מכל צרה וצוקה.

מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו זען במהרה די גאולה שלימה ואמיתית, בישועת כל ישראל ושמחתן ובהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.

---

[עג] וכדרך שהיה בפינחס, דהן ״המחשבה״ והן ״המעשה״ היתה רצויה לפני המקום, כדלעיל בפתיחה להדרוש (אות טו-יח).

KolSatmar.com